STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04749

A VIKUAH IBER SOTSYALIZMUS

J. Finn

Permanent preservation of this book was made possible
by Stephen & Roberta Paris
in honor of Fred Andelman and
in memory of Michael Seigel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע בעשטעלונגען צו אדרעסירען אויף די
פאלגענדע אדרעסע:

I. NARODICZKY,

48, MILE END ROAD, LONDON, E.

גרויסער ראבאט פיר בוכהענדלער.

א וכוח איבער סאציאליזמוס

פון

י. פין.

ארויסגעגעבען פון פעראיין „פארווערטס".

פרייז:

אין לאנדאן 4 פענס. אין אמעריקא 10 סענט.

לאָנדאָן, 1906.

געדרוקט ביי י. נאראָדיצקי, 48 מייל ענד רויד, א.

א וכוח איבער סאציאליזמוס.

צוויי גוטע פריינד.

מאקס קאָהען איז מיינער אַ לאַנדסמאַן און זעהר אַ גוטער פֿריינד. אין דער היים האָט ער געהייסען „מאָטקע לייזער ברײנעס". מיר זיינען צוזאַמען אין איין חדר געגאַנגען, מיר פֿלעגען צוזאַמען שטיפֿען, זיך שלאָגען, באַלד צוריק גוט פֿריינד ווערען און זיך ווידער שפּיעלען. אז מיר זיינען עלטער געוואָרען האָבען מיר ביידע געלערנט אין איין ישיבה.

ער איז געקומען אין ענגלאַנד מיט עטליכע יאָהר שפּעטער פֿון מיר. ער איז ווי איך געוואָרען אַ מאַשינער, ער האָט זיך אָבער גענומען אַ גאַנץ אַנדער שניט און ער איז היינט אַ רייכער שניי־דער־מייסטער אין ליעדז. אָבוואָהל ער איז אַ שטיקעל אפּיקורס, דאָך איז ער אַ פּרנס אין אַ שול און פֿיהרט זיך זעהר אידעשלאַך. און איך געדענק נאָך היינט זיינעם אַ גוט וואָרט וואָס ער האָט מיר געענטפֿערט אויף מיין פֿאָרוואורף וואָרום ער שפּיעלט אַזאַ פֿערמאַסקירטע ראָלע.

(איך) שטייטש, מאַקס, דו גלויבסט דאָך ניט אין די אַלע זאַכען, טאָ ווי קענסטו דאָס אלעס מיטמאַכען?

(ער) דו ביסט גאַנץ גערעכט, ברודערל, נאָר דער תירוץ איז — „קן".

(איך) וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין ראשי תיבות?

(ער) „קן" בעדייט „קאָסט" „ניכטס". פֿערשטעהסטו, ברודער? וואָס האַרט מיר, אַז איך געה אין שיל, און זיץ אויבען אָן? קאָסט

מיר עפּעס אַז איך דאַווען? בהמה איינער! וואָס טויג מיר איינצו־רייסען מיט דער וועלט? איך געה מיט'ן שטראָם, איך טוה ווי אַלע טהוען, און איך געפין, דאָס עס איז געזונד אי פאַר'ן האַר־צען, אי פאַר'ן קעשענע.

דיעזער מאַקס האָט פון מיר יאָהרען לאַנג ניט געהערט, נאָר דורך אַ צופאַל האָט ער זיך דערוואוסט, דאָס איך בין אין לאָנדאָן און בין אַ סאָציאַליסט; אָנפאַנגס האָט ער אויסגעבאַטעלט צו מיין קאָפּ פאַר אַזאַ משוגעת, נאַכהער האָט ער בעשלאָסען, דאָס אַזוי שנעל ווי עס וועט זיך מאַכען אַן עקסקערשען (ביליגער צוג) נאָך לאָנדאָן, מוז ער מיך קומען זעהן, און זיך מיט מיר גוט דורכריידען.

מיין מאַקס האָט זיך ניט געפוילט און איז טאַקי געקומען צו מיר. איך וועל איבערהיפּען דעם טהייל פון אונזער געשפּרעך מכח אונזערע עראינערונגען פון די אַמאָליגע יאָהרען, און איך וועל איבערגעבען צו די לעזער אונזער וכוח איבער סאָציאַליזמוס.

(ער) איך האָב אימער געזאָגט, אַז פון דיר, מאָריס, וועט קיין לייט ניט זיין. וואָס געהט דיר אָן וואָס די רייכע זיינען רייך? אַז זיי האָבען מיט זייער שכל געמאַכט געלד, ווילסטו זיי זאָלען דאָס אַוועקגעבען צו די אָרעמע לייט? האָב אויך שכל, וועסטו אויך זיין רייך. און אפילו אַז די רייכע זאָלען היינט זיך צוטהיי־לען מיט די אָרעמע זייער געלד, מיינסטו אַז עס וועט שוין מעהר קיין אָרעמע און קיין רייכע ניט זיין? טיפּוש איינער! אין עטליכע וואָכען וועט עס ווידער זיין ווי עס איז יעצט. די אַרבייטער וועלען זייער טהייל פער'שכור'ען און פערשווענדען, וועהרענד די פעהיגע און שפּאַרזאַמע וועלען ווידער ווערען רייך. און איך האַלט דאָס דעם קלוגען און געשייטען קומט ער זאָל זיין רייך. אַ שיינע וועלט, חלעבען, קען דאָס זיין אַז די טרעמפּס זאָלען ווערען בעלי־בתים, דעה־זאָגער, האַ, האַ, האַ! אַ געלעכטער, בנאמנות.

וויז מיר, איך בעט דיר, אַן אָרענדטליכען מענשען צווישען דיינע צאָצאַליסטען? אַ באַנדע פוילענצער און טויגעניכטסען! אַלע זאָלען זיין גלייך ווילסטו, עס זאָלען ניט זיין קיין בעלי־בתים, זעהר פיין, ווי איך בין אַ איד! איהר וועט דאָך אַלע אוים'פּגר'ן פון הונ־

גער, ווייל קיינער פון אייך וועט דאך ניט וועלען ארבייטען, דער וועט זאגען ארבייט דו, דער אנדערער וועט זאגען ארבייט דו. און זאג מיר, איך בעט דיר, ווי וועט איהר אלעס איינטהיילען אין גליבע חלקים?

ער וואלט אזוי אוועקגערעדט צוויי שעה נאכאנאנד ווען איך וואלט איהם ניט איבערגעשלאגען אין מיטען.

הער אויס, מאקס, האב איך אונגעדולדיג צו איהם געזאגט, אט דיעזען מענה־לשון האב איך שוין געהערט צעהן טויזענד מאל. יעדער ליעדזער אידענע רעדט דאס זעלבע ווען זי קומט זיך צונויף אין בוטשער שאפ מיט אנדערע ווייבער. דו האסט מיר פריהער אליין געזאגט, דאס דו האסט קיין סאציאליסטישען בוך קיינמאל ניט געלעזען, און קיין סאציאליסטישען רעדנער קיינמאל געהערט ריידען. און ווען דו וואלסט ניט פריהער אויסגעדריקט אן ערנסטען וואונש צו וועלען וויסען, וואס מיר, סאציאליסטען, ווילען, וואלט מיר קיינמאל ניט גע'חלומ'ט מיט דיר א ווארט צו ריידען וועגען סאציאליזמוס, און איך וואלט מיר אמיוזירט מיט די ערינערונגען פון אונזערע קינדערשע יאהרען. אבער אזוי ווי דו האסט געזאגט, דאס דו ווילסט דורכאויס, אז איך זאל דיר ערקלעהרען, בין איך העכסט צופריעדען דיין וואונש צו ערפיעלען, אבער זיי דאך ניט קיין אידענע. דו ביסט דאך א שטיקעל בר אוריין, ווארט ביז איך וועל דיר ערקלעהרען, און זיי ניט איבערגעהיילט, פערלאנג ניט אויסצולערנען כל התורה על רגל אחת, דו מוזט וויסען, דאס סאציאליזמוס איז א לעהרע, א וויסענשאפט, און דאס קען מען ניט פערשטעהן בנשימה אחת, זאנדערן מען מוז דאס שטודירען.

מיר דאכט, מאקס, אז דו האסט מיר געזאגט, דאס דיין בילעט איז גילטיג אויף 3 טעג. אלזא האבען מיר גענוג צייט. טא ווייסטו וואס איך וועל דיר זאגען? גיב נור א קוק ווי שעהן דערוויסען איז, עס איז ווירקליך אן עבירה אין הויז צו זיצען. מיר וועלען אפ עסען מיטאג און אוועקפאהרען נאך הייד־פארק. דארטען וועלען מיר זיך אויסקלייבען א רוהיג ארט אונטער א בוים, און דארט וועל איך מיט דיר לערנען די סאציאליסטישע תורה.

דער פֿאָרשלאַג איז מאַקס'ן געפעלען, און גלייך נאָך מיטאָג ווינען מיר אַוועקגעפֿאָהרען אין הייד פארק.

אונז איז גראַדע אויסגעקומען צו פֿאָהרען אויף אַ טרעמוויי, וואָס געהערט צו די קאָונטי קאונסיל (געמיינדע־ראַטה), אויף וועל־כע די פֿער איז נאָר אַ הייפעני. דאָס האָט איהם זעהר איבעראַשט. אין ליעדז דאַרף מען פֿיר אַזאַ שטרעקע בעצאָהלען 2 פענס.

ווי קומט עס, מאָרים, — האָט ער זיך צו מיר געווענדעט מיט אַ פֿראַגע — ווי קומט עס, דאָס די קאָמפּאַניע קען דערפֿאָ־דערען צו פֿיהרען אונז אַזאַ שטרעקע פֿאַר אַ הייפעני? עס מוז דאָך זיין איינס פֿון די צוויי: אָדער די ליעדזער קאָמפאַניע מאַכט אונגעהייער גרויסע פּראָפֿיטען, אָדער די לאָנדאָנער קאָמפּאַניע דערלעגט מאַסען געלד.

דיין פֿראַגע, מאַקס, איז זעהר אַ לאָגישע, האָב איך איהם געענטפֿערט, דער תירוץ איז, דאָס די טרעמוויי, אין וועלכע מיר פֿאָהרען, געהערט ניט צו קיין קאָמפּאַניע.

(ער) איז ניט צו קיין קאָמפּאַני, אָבער צו יעמאַנדען מוז זי זיך דאָך געהערען! מסתמא געהערט זי צו אַ פּריוואַט פּערזאָן. בלייבט דאָך מיין קשיא אַלץ ניט פֿערענטפֿערט.

(איך) זי געהערט צו קיין פּריוואַט פּערזאָן אויך ניט.

(ער) וואָס טייג מיר דיינע חכמות, מאָרים? רייד ווערטער, זאָג, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין טרעמוויי, איז זי אַ הפקר זאַך?

(איך) זאָג מיר, מאַקס, צו וועמען געהערט אָט יענע פּאָסט־אָפֿפֿיס (פּאָצטאָוואָי קאַנטאָר), צו אַ קאָמפּאַניע, אָדער צו אַ פּריוואַט־פּערזאָן?

(ער) צו וועמען געהערט די פּאָסט? ווער ווייס דאָס ניט, אַז די פּאָסט געהערט צו די רעגירונג?

(איך) און צו די זעלבע רעגירונג — אָדער ריכטיגער געזאָגט — צו דאָס פֿאָלק געהערט די טרעמוויי. זי האָט אַמאָל געהערט צו אַ קאָמפּאַניע, און דאַמאָלס האָט מען געמוזט צאָהלען ווי מען צאָהלט יעצט אין ליעדז און אין אַנדערע שטעדט. איז אָבער געקומען די קוינטי קוינסיל און האָט אָבגעקויפֿט פֿון די קאָמפּאַניע אָט די

ליניע און אָנשטאָט וואָס די קאָמפּאַניע פֿלעגט מאַכען די גראָבע טויזענדער, קריעגען מיר ביליגע פֿערס און די קוינסיל האָט געהאַט דאָס יאָהר אַ 50,000 פֿונט פּראָפֿיט. ווען פֿון די פֿערדיענטע געלד וועט די קוינסיל מיט דער צייט האָבען אָבגעצאָהלט די קאָמפּאַני איהר חוב, וועלען דאַן די פֿערס נאָך מעהר פֿערקלענערט ווערען און די אַרבייטער וועלען קריעגען בעסערע שכירות.

(ער) אַ גאַנץ גוטע אידעע, בנאמנות.

(איך) ווייסטו אָבער, מאַקס, דאָס ווען אַ פּראָפּערטי (אייגענ־טהום) געהט איבער פֿון פּריוואַט־אייגענטהום צו פּובליק־אייגענ־טהום הייסט עס אויסגעפֿיהרט אַ שטיק סאָציאַליזמוס?

(ער) מיינע שונאים!

(איך) וואונדער זיך ניט, ברודער'ל, ווען דו וואָלסט דיינע בעגריפֿע וועגען סאָציאַליזמוס ניט ערהאַלטען פֿון מארק אידענעס, נור דו וואָלסט זיך בעמיהעט איבערצולעזען אַ שטיקעל סאָציאַליס־טישען ביכעל, וואָלט דאָס ביי דיר גאָר קיין נייעס ניט געווען. וואָס מיר, סאָציאַליסטען, ווילען איז, דאָס די לאַנד, די אייזענבאַ־נען, די טעלעגראַפֿען, טעלעפֿאָנען, שיפֿען און פֿאַבריקען זאָלען געהערען צום פֿאָלק. אָט אַזוי ווי די טרעמוויי, אין וועלכע מיר פֿאָהרען.

(ער) אויב אַזוי, הייסט עס דאָך, דאָס דו האָסט מיר טאַקי אויסגעלערענט כל התורה על רגל אחת.

(איך) נור אין דעם זינן ווי הילל האָט אויסגעלערענט יענעם מאַן. דו געדענקסט דאָך די מעשה, וואָס די גמרא דערצעהלט, אַז ערב שבת, ווערענד דער תנא הילל האָט זיך געהיילט אין שול צו געהן, איז צו איהם אַריינגעלאָפֿען אַ מאַן און האָט איהם גער בעטען ער זאָל איהם אויסלערנען די גאַנצע תורה אין אַזוי ווייניג צייט ווי לאַנג ער וועט קענען שטעהן אויף איין פֿוס.

דער קלוגער הילל האָט איהם גענטוואָרט דעם פסוק: „ואהבת לרעך כמוך“.

אָבער אַזוי ווי צו וויסען דיעזען פסוק, הייסט נאָך ניט צו וויסען די גאַנצע תורה, אַזוי הייסט ניט אַז דו ווייסט די גאַנצע

סאָציאַליסטישע טהעאָריע ווען דו ווייסט דאָס, וואָס איך האָב דיר ערקהעהרט.

אַזוי רעדענדיג זיינען מיר אַרויס פֿון די טרעמוויי, און מיר האָבען גענומען אַן אָמניבוס, וועלכע געהט נאָך הייד־פּאַרק.

מאקס פאנגט אן ערנסט צו ארגומענטירען.

(ער) איהר, סאָציאַליסטען, האַלטען אין איין שרייען, דאָס די אַרבייטער ווערען בערויבט פֿון די קאַפּיטאַליסטען. און דאָס אין אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט וועלען די אַרבייטער לעבען ווי גאָט אין פֿראַנקרייך. אָט קען איך דיר ווייזען פֿון דיינע אייגענע רייד, אַז איהר נאַרט נור אָפּ די אַרבייטער מיט די גאָלדענע בערג, וואָס איהר זאָגט זיי צו. אָט זיינען מיר אַרויס פֿון אַ טרעמוויי אַ סאָציאַ־ליסטישע און מיר פֿאָהרען יעצט אין אַ באַס אַ קאַפּיטאַליסטישע. פֿרעג איך דיר, איז דען דער אָנטרייבער און קאָנדוקטאָר פֿון די טרעמוויי בעסער אָב ווי דער אָנטרייבער און קאָנדוקטאָר פֿון די באַס?

(איך) דיין פֿראַגע איז זעהר אַ לאָגישע, און איך דערקען אָן איהר, דאָס דער אַמאָליגער מאָטקע לייזער בריינעס לעבט נאָך אין דיר. אַי, מאָטל, מאָטל, געדיינקסט אין בית המדרש ביין אויבען אונזערע ויכוחים? דו ביסט דאַמאָלס געווען דער אפיקורס, און איך פֿלעג דאָס טרייען צו פֿערענטפֿערען דיינע קשיות אויף די רעליגיאָן. מיט וואָס פֿאַר אַ התלהבות איך פֿלעג דיר טרייען צו בעקעמפֿען, און אַז איך פֿלעג מיעד ווערען ריידענדיג, און גע־מיינט דאָס איך האָב דיר גובר געווען, מיט אַמאָל טראַסק! אַ נייע קשיה, און איך פֿלעג ווערען אויפֿגערעגט, ווערהענד דו פֿלעגסט לאַכען און קוועלען.

די ערינערונג אָן די אַמאָליגע יאָהרען האָט ביי מאַקסען אַרויסגעריסע אַ זיפֿץ, און ער האָט זיך אַ ביסעל פֿערטראַכט. איך האָב מיר אָבער דערמאָנט, דאָס איך בין אַראָב פֿון וועג, דאָס

איך האָב צו בעאַנטוואָרטען אַ וויכטיגע פראַגע און האָב דאַרום פאָרטגעזעצט דעם געשפּרעך.

(איך) פון אויבען אויף דאכט זיך, דאָס דיין בעהויפּטונג איז דער אמת אַליין. ווען מיר וועלען אָבער די זאַך גענוי בעטראַכטען, וועסטו אַנייזעהן, דאָס דיין פראַגע לייקענט אויף אַ האָר ניט אָב אונזער בעהויפּטונג אין בעצוג אויף דעם גליק, וואָס ערוואַרטעט דעם אַרבייטער אין אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

שטעל דיך פאָר, דאָס איינער נעהמט אַ קליין פּיטצעלע צוקער און לייגט עס אַריין אין אַ גרויסען טשייניק מיט שטאַרקע טהיי, און זעהענדיג, דאָס די טהיי איז ניט זיס געוואָרען, קומט ער צו דעם בעשלוס, דאָס עס איז אַ ליגען וואָס די וועלט זאָגט, אַז צוקער איז זיס, והא ראיה, ער האָט אַריינגעלעגט צוקער, און די טהיי איז געבליבען ביטער. פּונקט די זעלבע איז מיט די טרעמוויים: אין פערגלייך צו דעם גאַנצען קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם איז דיעזער סאָציאַליסטישער רעפאָרם ווי אַ פּיטצעלע צוקער אין אַ גרויסען טשייניק טהיי. דער אַרבייטער ווערט אַזוי בערויבט פון דעם גאַנצען סיסטעם, ווי איך וועל דאָס דיר שפּעטער ערקלעהרען, אַז די זיסקייט פון דיעזען רעפאָרם לאָזט זיך ניט פיהלען אין אַ סיסטעם פון אַזויפיעל ביטערנים.

צווייטענס, ברודערל, דאַרפסטו ניט פערגעסען דעם אַלטען שפּריכוואָרט, דאָס גוטע ווייַן ווערט פערדאָרבען אין אַ שלעכטע פאַס. דער רעפאָרם אין זיך זעלבסט איז טאַקי גוטער ווייַן און וואָלט אַ שיין ביסעל דעם אַרבייטער ערקוויקט, ווען די ווייַן וואָלט ניט געווען אין אַ שלעכטעם פאַס, ווען די קוינטע קוינסיל וואָלט ניט בעשטאַנען אַם מעהרסטען פון גרויסע סאָציאַליסטישע געגנער; דיעזע לייטע זיינען פערביסענע קאַפּיטאַליסטען און דאָס וואָס זיי האָבען איינגעפיהרט אַ שטיקעל סאָציאַליזמוס איז גאָר דאַרום ווייל די צייט אַליין צווינגט זיי דערצו, פּונקט ווי די צייט צווינגט די קוינטי קוינסיל איבערצונעהמען די אייגענטהום פון די וואַסער־קאָמפּאַניעס און בויען הייזער פאַר די אַרבייטער.

(ער) אי, מאָרים לעבען! דו ביזט אַזוי פער'שכור'ט מיט דיין

סאָציאַליזמוס, אַז אין אַלעם זעהסטו די האַנד פֿון סאָציאַליזמוס, אפילו די צייט — ווי דו זאָגסט, שלעפּט אויך צום סאָציאַליזמוס.

(איך) מען דאַרף גאָר ניט זיין פֿער'שכור'ט דאָס איינצוזעהן. פֿערקעה־ט, מען דאַרף נור האָבען אַ קלאָהרע קאָפּ און אונפּאַר־טייאיש צו בעטראַכטען וואָס אַרום אונז טהוט זיך, דאַן ווערט די זאַך קלאָר ווי דער טאָג.

דו האָסט מיר אַליין דערציילט מיט אַ פּאָר שטונדען צוריק, דאָס די טעלעפֿאָן קאָמפּאַניע בערויבט איינפֿאַך מענשען. דו האָסט מיר דערציילט דאָס דיר קאָסט דיין טעלעפֿאָן 15 פֿונט אַ יאָהר און דו קענסט זיך קיינמאָל ניט צוזאַמענריידען מיט וועמען דו דאַרפֿסט, איין מאָל קלינגסטו און מען ענטפֿערט דיר ניט, אַ צווייטען מאָל הערסטו עטליכע שטימען ריידען אויף אַמאָל, און אָפּט קענסטו ניט הערען אַ וואָרט וואָס מען רעדט צו דיר.

דו האָסט אַליין געזאָגט, אַז ווען די פּאָסט אָפּיס זאָל איבער־נעהמען דעם טעלעפֿאָן, וואָלט געקאָסט ביליגער און עס וואָלט בעסער געאַרבייט, און דאָס זעלבע זאָגען פֿיעלע, און עס האַלט ניט ווייט, דאָס די פּאָסט אָפּיס וועט עס איבערנעהמען, און ווען זי וועט עס האָבען איבערגענומען, וועט עס הייסען דאָס נאָך אַ ציגעל איז אַרויסגעריסען געוואָרען פֿון קאַפּיטאַליסטישען בנין און צוגעלייגט צום סאָציאַליסטישען. און דאָך וועסטו מיר צוגעבען, דאָס ניט דו און ניט די אלע אַנדערע זיינען סאָציאַליסטען. אָדער ווען מיר נעהמען צום ביישפּיעל סער עדוואַרד סאסון מיט נאָך מיליאָנערען צו איהם, וועלכע טרייען, דאָס די רעגיערונג זאָל אי־בערנעהמען דעם קייבל (ים־טעלעגראַף). נו, קען מען זיי חושד זיין אין סאָציאַליזמוס?

אַלזאָ, זעהסטו, דאָס איך איבערטרייב ניט ווען איך זאָג, דאָס די צייט ברענגט דערצו. און וואַרום צווינגט די צייט דערצו וועל איך דיר אויך ערקלעהרען.

קאַפּיטאַליסטען קעמפּפען איינע מיט די אַנדערע.

די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסע באַשטייט פֿון מענשען מיט גע־

גענגעזעצטע אינטערעסען. צום ביישפּיעל, די וואָס זיינען שער־האָלדערס אין די טעלעפֿאָן קאָמפּאַניע ווילען דאָס די קאָמפּאַניע זאָל בלייבען ביים טעלעפֿאָן כדי זיי זאָלען קענען ציהען זייערע פּראָפֿיטען. פֿאַר דיר און טויזענדע אַנדערע איז בעסער דאָס עס זאָל געהערען צו די פּאָסט. פֿאַר די שער־האלדערס פֿון אייזענבאַהנען איז גוט דאָס די באַהנען איז פּריוואַט־אייגענטהום. אָבער פֿאַר די סוחרים, וועלכע מוזען אָבצאָהלען גרודעס געלד צו די אייזענבאַהן קאָמפּאַניעס פֿאַר די פֿראַכט, און מאַנכע סוחרים מוזען אָבגעבען צו האַנדלען מיט געוויסע ארטיקלען צוליעב די הויכע פֿראַכט, די וואָלטען מעהר צופֿרידען געווען, דאָס די רעגיערונג זאָל איבערנעהמען די אייזענבאַהנען און פֿאַרקלענערען די קאָסטען פֿון טראנספּאָרט. דאָס זעלבע איז מיט אַנדערע זאַכען, די אונטערשטע שורה איז: דאָס איין פֿראַקציאָן פֿון די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסע קעמפּפֿט מיט די אַנדערע און פֿאַרניכטעט איהר מיט אַ סאָציאַליסטישען רעפֿאָרם. און וואָס וויטער געהט דער קאַמפּף אַלץ שאַרפֿער. איך וואָלט דיר געקענט ברייגנען פֿיעלע ביישפּיעלע נאָר מיר זיינען צו וויט אַראָבגעקראָכען פֿון וועג.

אָט אַזוי איז אימער אַ וכוח מען פֿאַנגט אָן מיט איין זאַך און מען קריכט אַרויף אויף אַן אַנדערע.

מיר האָבען גערעט וועגען דעם וואָס אין די קוינטי קוינסיל טרעמוויים מאַכען די אַרבייטער קיינע גרעסערע גליקען ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע, און איך האָב דיר ערקלעהרט מיט דעם משל פֿון די צוקער, און האָב דיר אָנגעוויזען אויף דעם פֿאַקט דאָס די מעמבערס פֿון די קוינסיל זיינען פֿערביסענע געגנער פֿון סאָציאַליזמוס. ווען די אַרבייטער וואָלטען אָבער ניט געווען אַזעלכע חמורים און וואָלטען ערוועהלט סאָציאַליסטען, דאַן וואָלט יעדער סאָציאַליסטישער רעפֿאָרם געהאַט אַ גאַנץ אַנדער פּנים. יעצט הייסט אַזאַ סאָציאַליסטישער רעפֿאָרם „שטאַאַטס־קאַפּיטאַליזמוס" ווייל די קאַפּיטאַליסטען ציהען אַם מערסטען נוצען דערפֿון, אָבער ווען סאָציאַליסטען וואָלטען געווען אַן דער שפּיצע וואָלטען די אַרבייטער געצויגען די מעהרסטע נוצען.

ווען די ארבייטער וואָלטען האבען שכל.

ווען די ארבייטער וואָלטען געווען עטוואָס מעהרער אויפגע־קלעהרט, און אָנשטאָט אַנצופילען די מוניציפּאַלע קוינסילס און דעם פּארלאַמענט מיט זייערע נאַטירליכע שונאים — אַריינגע־שיקט אין דיזע פּלעצער סאָציאַליסטען, דאַן וואָלטען די סאָצי־אַליסטען ניט איבערגענומען אַזעלכע געשעפטען ווי טעלעפאָנען און טעלעגראַפען, פון וועלכע די רייכע קענען נאָר ציהען נוצען, זאָנדערן זיי וואָלטען סאָציאַליזירט אַזעלכע געשעפטען אָן וועלכע די אָרעמע וואָלטען פּראָפיטירט. צום ביישפּיעל: יעדע מוניציפּי־אַלע קוינסיל וואָלט איינגעפיהרט קהל'שע בעקערייען, וואו מען וואָלט פערקויפט געבעקס אָהן פּראָפיט. מען וואָלט איינגע־פיהרט קוילען דעפאָס, וואו מען וואָלט פערקויפט קוילען אָהן פּראָפיט. און ווען דערצו נאָך אז מען זאָל איבערנעהמען די קויר־לען מינעס דאַן וואָלט מען געקענט פערקויפען די קוילען פיעל ביליגער, ווייל עס וואָלט אַרונטער געפאַלען די רענט וואָס די קוילען קאָמפּאַניע צאָהלט צום לענדלאָרד, דער גרויסער פּראָפיט וואָס די קאָמפּאַניע גופא מאַכט, און ווי גרויס דער פּראָפיט איהרער איז, קענסטו זעהן פון דעם פאַקט דאָס מאַנכע קאָמפּאַניעס, האָ־בען היינטיגען יאָהר געצאָהלט 50 פּראָצענט אויף יעדען שעהר (חלק). ווידער וואָלט ארונטער דער פּראָפיט וואָס די סוחרים מאַ־כען, וועלכע הערקערען אום די קוילען צו די קונדען. ניט לאַנג צוריק האָט אַ קאַפּיטאַליסטישע צייטונג בעוויזען דאָס דיזע הענ־לער האָבען דיזען יאָהר פערדינט -/6 פּער טאָן. רעכען דאָס אַלעס אַרונטער פון דעם יעצטיגען פּרייז, ועסטו זיך קענען פאָר־שטעלען אויף וויפיעל ביליגער אַ קוינסיל פון סאָציאַליסטען וואָל־טען געקענט פערקויפען קוילען.

אַ סאָציאַליסטישער קוינסיל וואָלט איינגעפיהרט קהל'שע רעס־טאָראַנטס, וואו ארבייטער וואָלטען געקענט קריגען גוטע שפּייזע פאַר אַ העלפט געלט ווי זיי צאָהלען יעצט פאַר שלעכטע. אַ בע־וויז קען איך דיר געבען, דאָס מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק האָט ליפטאָן געוואָלט אויסגעבען הונדערט טויזענד פונט איינצופיהר ע

אזעלכע רעסטאראנס, און האט באוויזען דאס פאר 4 פענעס וואלט ער געקענט צושטעלען א גוטען מיטאג. ווען די אייגענטהימער פון די רעסטאראנטס האבען דאס דערהערט האבען זיי געמאכט א גרויסען ליארעם און ער האט געמוסט דעם פראיעקט אויפגעבען.

מאקס האלט זיך פאר א גרויסען פאליטיקער.

(ער) דו רעדסט ווי א גרינהארן מארים, דו פרעג מיר וועגען פאליטיק זאכען וועל איך דיר ערקלעהרען, ווייסטו דאס מיר האבען אין ענגלאנד א לאקאל גאווערמענט בארד וועלכע האלט געצאמט אט די אלע קוינסילס דיינגע. און דו מיינסט דאס די בארדס וועלען דאס צולאזען דאס דיינע סאציאליסטישע קוינסילס זאלען אזוי פארנאנדער פיהרען מיט די הענד? ווי איך זעה ווייסטו גאר ניט, דאס ווען די קוינסילס ווילען עטוואס אויפטהאן מוזען זיי אנקומען צום פארלאמענט דאס זיי זאלען דורכפיהרען א געזעץ צו ערלויבען די קוינסילס אויסצופיהרען זייערע פראיעקטען, און אום דורכצופיהרען אזא געזעץ ווערסטו דאך דארפען האבען א מאיאריטעט סאציאליסטען אין פארלאמענט. און איך מיין, דאס משיח וועט פריהער קומען, איידער אייערע לייטע וועלען האבען אזא טשאנס.

(איך) געהערכט ביזטו מאקס און שמייסען קומט דיר דאך. מעגליך דו האסט א ידיעה אין די ענגלישע פאליטיק, אבער לייידער פערשטייסטו איהר אויבערפלעכליך.

ערשטענס דארפסטו געדיינקען, דאס איך האב פריהער אליין געזאגט: דאס די ארבייטער מוזען זעהן צו שיקען סאציאליסטען אין פארלאמענט. איך וועל שוין ניט ריידען וועגען א מאיאריטעט, דאן ווען מיר זאלען האבען א מאיאריטעט אין פארלאמענט וואלט איך מיט דיר ניט גערעט וועגען סאציאליסטישע רעפארמען, דאן וואלט ניט געדויערט קיין צוועלף מאנאט און עס וואלט קיין זכר ניט געבליבען פון דעם קאפיטאליסטישען סיסטעם.

צווייטענס דארפסטו וויסען דאס דא אין ענגלאנד איז די

עפּענטליכע מיינונג די גרעסטע מאַכט, יעדער רעפאָרם גייט דורך דריי פּעריאָדען. ערשטענס ווערט ער אויסגעלאַכט, דאַן ווערט ער דיסקוטירט, און ווען דער פערלאַנג פון פּאָלק ווערט שטארק פּאַר דעם רעפאָרם, דאַן ווערט ער געזעץ.

ווען מיר זאָלען האָבען אַ גרויסען צד אין די קוינסילס און אין פּאַרלאַמענט, וואָלטען מיר געקענט אַזוי ווייט ברייננגען, דאָס די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסע וואָלט אויס פּורכט פּאַר איהר לעבען זיך געלאָזט אָפּ שניידען אַ האַנט אָדער אַ פוס.

אין הייד פּארק.

אַזוי ריידענדיג זיינען מיר אָנגעקומען אין הייד פּאַרק. ארומ־גייענדיג פון באַס רופט זיך אָב צו מיר מאַקס מיט אַ נצחון'עשען ניגון:

אַלזאָ הייסט עס מאַרים אַז דו גיסט דאָס צו, דאָס די דריי־ווערם און קאָנדוקטאָרס פון די קוינטי קוינסיל ווערען ניט בעסער בעהאַנדעלט ווי די וועלכע אַרבייטען פאַר די קאַפּיטאַליסטען?

(איך) ניין, מאַקס. איך גיב דאָס ניט צו. איך האָב דיר באַלד פון אָנפאַנג אָן געוואָלט אָנצייגען אויף די בעסערע קאָנדיציאָנען אונטער וועלכע די ארבייטער פון די קוינטי קוינסיל אַרבייטען, נאָר מיר זיינען פאַרקראָכען אין אַ זייטיגען געשפרעך, אונטער די קאָמפּאַניעס רעגיערונג האָבען זיי ערשטענס געמוזט אַרבייטען 11 שעה אין טאָג. די עלף שעה האָט אייגענטליך געהייסען מעהר ווי עלף שעה, ווייל עס איז ניט געווען אויף דעם זעלבען סיסטעם ווי אין אַ פאַבריק, וואו מען אַרבייט אָב עלף שעה, און דאַן איז מען פריי, דאָ איז גאַנץ אנדערש געווען: אַן אָנטרייבער און אַ קאָנדוקטאָר פלעגען אָב אַרבייטען איינינע שטונדען און אָברוהען זיך, דאַן ווידער אייניגע שטונדען און זאָ ווייטער, ביז זיי האָבען אָבגעמאַכט די עלף שטונדען; דאָס הייסט אייגענטליך דאָס דער יאָך פון דער אַרבייט איז געווען אויף איהם פיעל לענגער ווי עלף שעה. אַחוץ דעם האָט ער קיין זונטאַג רוהע ניט געהאַט. די 77 שטונ־

דען אַ וואָך האָט ער געמאַכט אין 7 טעג. דער פּאַר האָט ער געקראָגען ‎42/-‎ אַ וואָך. אין דער צייט ווען דער רעגעלער אָנ־טרייבער און קאָנדוקטאָר פּלעגען רוהען, האָבען אויף זייער אָרט געאַרבייט אַנדערע, וועלכע מען פלעגט רופען „אָד מען". דיזע אָד מען זיינען אַזעלכע אָנטרייבערס און קאנדוקטערס, וועלכע האָבען זיך נאָך ניט דערדינט צו דעם פּאָלען אַמט, זיי פּלעגען זיך נעבאָך מוטשען פון 7 מאָרגענס ביז 1 ביי נאַכט פאַר 4 שיל. און 6 פענס אַ טאָג.

ביי די קוינטי קוינסיל זיינען קיינע „אָד מען" ניטאָ, מען אַרבייט 10 שטונדען אַ טאָג, 6 טאָג אין וואָך און מען קריעגט 37/6 אַ וואָך.

(ער) אויב אַזוי הייסט עס דאָך, דאָס זייער לאַגע האָט זיך טאַקע פערבעסערט, פאַרשטעהען זיי האָטש, דאָס זיי האָבען אייער חברה צו פערדאַנקען.

(איך) וואָס זיי ספּעציעל אָנבעלאַנגט קען איך ניט זאָגען, נאָר נעהמענדיג די גאַנצע אַרבייטער קלאַסע אין אַלגעמיין, בעטראַכ־טענדיג זייער האַנדלונג אין די לעצטע וואַהלען מוז איך ליידער מודה זיין דאָס זיי זיינען נאָך אַזוי דום, דאָס זיי קושען די פּיס, וועלכע טרעט אויף זיי, און בייסען די האַנד, וועלכע טרייעט זיי אַרויסצושלעפּען פון בלאָטע.

געטראָפען מאקס׳ן אין פונקט.

(ער) מיינע רייד, מאָרים, ווי איך בין אַ איד, מיינע רייד! איך האָב אימער געזאָגט און איך וועל זאָגען, דאָס מען טאָר אויף אַרבייטער קיין רחמנות האָבען, וואָס ערגער מען איז צו זיי, דעס־טאָ בעסער זיינען זיי, און קוים ביזטו אַביסעל פריינדליך צו זיי קריכען זיי דיר אויף׳ן קאָפּ. איך האָב די ערפאַהרונג פון מיינע אייגענע אַרבייטער.

ווען איך בין נאָך געווען גרין אין מיין געשעפט פלעג איך מיינען דאָס וואָס פריינדליכער איך וועל צו זיי זיין דעסטאָ מעהר וועלען זיי מיר רעספּעקטירען, וואָס מעהר פרייהייט איך וועל זיי געבען, דעסטאָ טרייער וועלען זיי מיר זיין. עס איז אָבער אַ

נעכטיגער טאָג, ברודערל. אָנשטאָט צו שעצען מיין פריינדליכקייט פלעגען זיי האָבען די גרעסטע חוצפה צו מיר, און וואָס מעהר פרייהייט איך האָב זיי געגעבען, דעסטאָ מעהר פלעגען זיי זיך אָבשפּיעלען, און ויינען מיר געווען אַזוי פאַלש, אז עס האָט זיי ניט געהאַרט. וואָס פאַר אַ שאַדען זיי זאָלען מיר אָנמאַכען מיט זייער אונפאָרזיכטיגקייט.

יעצט אָבער בין איך קלוגער: איך בין זעהר שטרענג, איך גיב זיך אָב מיט זיי אויף אַ מינוט. וואָלסטו זעהן דעם אָבשיי, דעם רעספּעקט, וואָס זיי האָבען פאַר מיר, און אַז איך וואַרף זיי דאָרטען צו אמאָל אין אַ יובל אַ קליינינקייט, אַ שטיקעל קריסט-מעס באָקס, אָבער אַזוי וואָס, וואָלסטו זעהן, ווי דאַנקבאַר זיי זייַ-נען, זיי וואָלטען זיך געלאָזען פּשוט שניידען די העלדזער פאַר מיר.

מאקס לאזט זיך פאנאנדער.

איך זאָג דיר מאָרים, אַז דו ביזט ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט דיר, אַז דו גיסט זיך אָב מיט זיי. דו מיינסט דאָס ביי זיי איז אָנגעלייגט, וואָס דו אָפּפערסט דיין געזונד, געלד, און צייט פאַר זיי? אסור אַ האָר! טריי אַ מאָל צו טאָהן אַ זאַך וואָס זיי זאָל ניט אַזוי געפעלען, ועסטו זעהן דאָס זיי וועלען זיך גאָר פאַרגעסען אָן די יאָהרען שווערע אַרבייט וואָס דו האָסט פאַר זיי אַוועקגעלייגט.

פאַ־קעהרט ווידער, זאָל קומען אַ שאַרלאַטאַן, וועלכער זאָל זיי בעשווינדלען צעהן מאָהל, פון דעסטוועגען וועלען זיי איהם גיבער פאָלגען ווי דיר.

מארים פארטהיידיגט די ארבייטער, און באשולדיגט די געזעלשאפט.

(איך) איך גיב צו דאָס פּיעלעס, וואָס דו האָסט געזאָגט איז אמת, אָבער איך קען ניט אַיינשטימען מיט דעם בעשלוס צו וועלכען דו קומסט.

ערשטענס מוז איך דיר אויפמערקזאַם מאַכען דאָס די אַלע חסרונות וועלכע דו האָסט אויסגערעכענט אויף די אַרבייטער ווע-רען ניט מאָנאָפּאָליזירט נאָר פון די אַרבייטער. ווען דו וועסט

קוקען מיט אָפענע אויגען אויף דער וועלט, ווען דו וועסט בעטראַכטען אַלערליי קלאַסען מענשען אין זייער משא ומתן וועסטו זעהן דאָס מיט דיין שילדערונג האָסטו אייגענטליך געמאָהלען דעם דורכשניטליכען מענשען.

מיינער אַ גוטער פריינד האָט זיך אַ מאָל אויסגעדריקט, דאָס די מענשען צוטהיילען זיך אויף טיגערען, פוקסען און שעפסען; איך זאָג דאָס יעדער מענש איז אי אַ טיגער, אי אַ פוקס, אי אַ שעפס, און דאָס איז דער רעזולטאַט פון טויזענדע יאָהרען פון אונגלייכהייט, פון אונטערדריקער און אונטערגעדריקטע, איבערהויפט פון דעם סיסטעם וועלכער צווינגט מענשען צו קעמפפען פאַר חיונה.—

ווען אַ מענשענ׳ס חיונה הייגגט אָב אין אַ צווייטען, פערזוראַכט עס חניפה, שמעכלעריי און אינטערטהעניגקייט. ווען דורך אַ צופאַל ווערט דער ערנידעריגטער אויפגעהויבען צו אַ מדרגה דאָס די חיונה פון אַנדערע מענשען הייגגט אָב אין איהם, דאַן ווייזט ער שוין אַרויס דעם טיגער, און ער בעהאַנדעלט זיי ווי מען האָט איהם בעהאַנדעלט ווען ער איז געוועזן פוקס אָדער שעפס.

ווי שלעכט דו שטעלסט פאָר דעם אַרבייטער, איז אין די ביזנעס וועלט נאָך ערגער. דער שפּריכוואָרט האַנדעלשאַפט איז קיין ברידערשאַפט, בעווייזט דאָך דייטליך דאָס אום עקזיסטירען מוז מען ווערען אויסמענש. מען מוז זיין אַ ליגנער, אַ באַריהמער, אַ חונף, אַ בלאָפער, א רכילות׳ניק און אַ צבוע׳אַק. מיט איין פוס מוז מען זיך קניהען פאַר דעם, וועלכער איז איבער דיר, און מיט די צווייטע פוס דריקען דעם וואָס איז דאַרונטער דיר. די חיונה קאַמפף האָט דער מענשהייט אַזוי פערדאָרבען, דאָס דער דורכשניטליכער מענש ווייס ווירקליך ניט וואָס מענשליכקייט בעדייט. דו מעגסט זיין זאָגאַר דער פעהיגסטער מענש, קוים אָבער ווילסטו זיך ניט אַרונטער לאָזען צו די נידעריגע מדרגה פון דעם דורכשניטליכען מענשען, וועט מען דיר פאַר רעכענען פאַר אַ שלומיאל, אַ טויגעניכטס.

דו באַקלאָגסט זיך אויף די גראָבקייט און פֿאַרדאָרבענהייט פֿון די אַרבייטער, וועלכע קריכען אויף'ן קאָפּ דעם, וועמען זיי דאַרפֿען רעספּעקטירען, און האָבען בושה פֿאַר די וועמען זיי דאַרפֿען פֿעראַכטען. גיב אָבער אַ קוק אין די ביזנעס וועלט, וועסטו זעהן פֿיעל ערגערע כאַראַקטערע. איך וועל דיר געבען אַ ביישפּיעל:

מיינער אַ פֿריינד, נאָך פֿיעלע יאָהרען שווערע אַרבייט, איז געוואָרען שווינדזיכטיג. די דאָקטוירים האָבען איהם פֿערבאָטען צו אַרבייטען. וואָס טהוט מען אָבער מיט חיונה? איז געבליבען אַ פּלאַן, דאָס מיר עטליכע אינטימע פֿריינדע זאָלען מאַכען פֿאַר איהם אַ בענעפֿיט. מיר האָבען געאַרבייט מיט לייב און לעבען, און איהם צונויפֿגעמאַכט עטליכע פֿונט. דער פּלאַן איז געווען ער זאָל זיך קויפֿען מיט די געלד אַביסעל סחורה און אַרויסגעהן טרעוולען.

ער איז אַריין צו אַ האָלסיילער, אַ געוויסער מר...אַ חשובער מאַן, אַ מיטגליעד אין דיוקס פּלייזער שוהל, ער האָט איהם דערציילט זיין לאַגע, און ווי אַזוי ער האָט געקריגען די עטליכע פֿונט, דאָס אויף זיי הייננגט דער לעבען פֿון איהם און זיין פֿאַמיליע. ער האָט איהם דערצעהלט דעם אמת, דאָס ער איז ניט קיין מובן אויף די סחורה, נאָר ער פֿערלאָזט זיך אויף זיין אָרענטליכקייט און מענשליכקייט, דאָס ער וועט איהם געבען די בעסטע אַרטיקלען אויף דעם נידעריגסטען פּרייז.

ווען עס זאָל זיין אַזאַ זאַך ווי „מענשליכקייט“ אין די ביזנעס וועלט, וואָלט אַזאַ סוחר געדאַרפֿט אויסקלייבען די פֿערקויפֿבאַרסטע אַרטיקלען און איהם רעכענען מיט אַ פּאָאָר פּראָצענט ביליגער ווי איינעם וואָס איז אַ מובן, און וויל זיך ניט לאָזען נאַרען. אַ יאָ, מאַקס.

אונזער חשובער האָלסיילער האָט זיך דערפֿרייט דאָס גאָט האָט איהם צוגעשיקט אַזאַ העכט וואָס איז אַ פֿריץ אין געשעפֿט, ער האָט שוין געהאַט פֿון אַ צייט ליגען אין סטאָק אַרטיקלען פֿון וועלכע ער האָט ניט געקענט פּטור ווערען, נו, און אַז ס'קומט אַזאַ טערק וואָס פֿאַרשטעהט ניט ביז ארור המן לברוך מרדכי,

פֿאַרשטייט זיך במילא אַז מען דאַרף דאָס איהם אַריינרוקען. און אָנשטאָט אַ פּאָאָר פּראָצענט ביליגער האָט ער איהם געדעכענט מיט 10 פּראָצענט טייערער. וואָרום ווען דער גוטער קאָסטומער וועט ניט בעצאָהלען פֿאַר'ן שלעכטען וועלכער זעצט אָן, טאָ וואו וועט דער סוחר נעהמען צו צולייגען?

מיינסטו אפשר אז איך האָב אויסגעקליבען איין אויסנאַהמע? פֿאַרזיכער איך דיר דאָס דיעזער סוחר איז דער דורכשניטליכער.

(ער) חאַ!, חאַ!, חאַ!. אַ געלעכטער בנאמנות. חאַ, חאַ, חאַ...

דו מאָרים געהסט מיר דערציילען וואָס טהוט זיך אין ביזנעס?

(איך) אָהנע צווייפֿעל מאַקס איז דיר מעהרער בעקאַנט די פֿערשיעדענע דריידלאַך אין די ביזנעס וועלט אַלס מיר. נאָר דאָס איז אַ זייטיגע זאַך. איך וויל דיר נאָר אויפֿמערקזאָם מאַכען אויף דעם פֿאַקט, דאָס דער קאַמפּף פֿאַר חיונה, סיי אין די אַרבייטער וועלט, סיי אין די ביזנעס וועלט, אין די פּאָליטישע וועלט, און פּראָפֿעסיאָנעלע וועלט, איבעראַל האָט דיעזע חיונה־קאַמפּף די מענשען אזוי ערנידעריגט, דאָס עס איז איינפֿאַך ניט צו געפֿינען אַ מענשען אויף אַ רפואה, נאָך מעהר, זאָל איינער וועלען זיין אַ מענש, זאָל צום ביישפּיעל איינער ביי זיך אָבמאַכען: „זאָל זיין „וואָס וועט זיין איך וועל זיין אַ מענש, איך וועל קיינעם ניט שמייכ־ „לען, איך וועל ניט זיין לובעלע־האַרצעלע יענעם אין פנים, און „הינטען אַרום איהם טרייען אונטערצושטעלען אַ פיסל, איך וועל „זיך ניט לומפּיש מאַכען און זאָגען ליגען צוליעב אַ קלייניגקייט, „איך וועל זיך ניט צו מאַכען צו מיין מאַסטער און איהם ווייזען „דאָס איך בין איהם טריי, און אַלע אַנדערע אונטריי. איך וועל „ניט באָסעווען איבער די וועלכע זיינען אונטער מיר, איך וועל „ניט מאַכען דעם אָנשטעל אז מען זאָל מיינען, ווער ווייס ווער „איך בין, דאָס וואָס איך בין פֿאַר דעם זאָל מען מיר אָננעהמען. „אין ד'רערד מיט אַלעמען. וואָס האַרט מיר וואָס מענשען וועלען „פֿון מיר דיינקען. איך וועל נור זעהן מיין געוויסען צופֿרידענשטע־ „לען. איך וועל זיין בראַוו. וואָס אויף'ן לונג דאָס אויף'ן צונג. האָב „איך איינעם וואָס צו זאָגען וועל איך איהם זאָגען אָפֿען אין געזיכט,

„וועל איך זעהען, דאָס איינער איז מיט מיר אָפּענהערציג, און
פּערלאַנגט מיין פריינדשאַפט, וועל איך איהם מקרב זיין און טאָהן
„אַלעס וואָס פאַר איהם איז גוט. איך וועל ניט טרייען צו פראָ-
„פיטירען אָן איהם. וועל איך זעהען דאָס איינער וויל מיר אויס-
„נוצען און שמייכעלט מיר, וועל איך איהם ווייזען די טהיר. איך
„וועל העלפען די שוואַכע, די ליידענדע, און אונגליקליכע, און איך
„וועל רייבען אַ מאָרדע די שטאַרקע און שטאָלצע".

וואָס רעכענסטו מאַקס פאַר אַ סוף וואָלט געהאַט איינער
וועלכער זאָל ביי זיך אָפּמאַכען זיך צו פיהרען ווי איך האָב דיר
פאָרגעשילדערט.

(ער) עס וואָלט מיט איהם געווען ענטוועדער אָדער. אויב
ער וואָלט געווען אין אַ לאַגע דאָס זיין חיונה זאָל זיין אָפּהענגיג
פון אַנדערע, וואָלט געווען אַ קלאָג צו זיינע יאָהרען. אויב ער
וואָלט געווען רייך, און אונאַבהענגיג, וואָלטען ערשטענס גוטע
ברידער פון איהם געשונדען די הויט, און די גאַנצע וועלט וואָלט
איהם געהאַלטען פאַר אַ משוגע'נעם.

(איך) אויב אַזוי, מאַקס, טאָ זעה און איבערצייג זיך, דאָס די
אַרבייטער זיינען ניט די ערגסטע אין דער וועלט. און דאָס מיר
סאָציאַליסטען זיינען ניט די ליידאַקעס פאַר וועלכע דו האַלסט,
ווייל מיר ווילען איינפיהרען אַ בעסער סיסטעם.

שוין ניט ריידענדיג פון דעם גליק וואָס ערוואַרטעט די מענ-
שהייט אין אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, ווי איך וועל דיר שפּע-
טער איבערצייגען, ווען מיר וועלען נאר אויפטהאָן אויף אַזוי פיעל
דאָס אָנשטאָט פון טיגערס, פוקסען, און אייזלען, וועלען מיר מאַ-
כען מענשען, איז שוין אויך גענוג דאָס יעדער רעכטדיינקענדער
מענש (ד. ה. אויף אַזוי פיעל ווי די אומשטענדען ערלויבען איהם
רעכט צו דיינקען) זאָל צו אונז צושטיין.

סאציאליזמוס, דער איינציגער מיטעל צו מאכען מענשען פאר מענשען.

וויפיעל טויזענדע יאָהרען ווי די רעליגיאָן, פילאָזאָפען און
מאָראַליסטען טרייען אויסצופיינען די מענשען, און וואָס וויטער

אַלץ ערגער, וואַרום? ווייל די לייטע פֿאַרשטעהען ניט די אורזאַ־כע וועלכע מאַכט מענשען פֿאַר אונמענשען. מיר, סאָציאַליסטען, זיינען די איינציגע וועלכע נעהמען זיך צום וואָרצעל.

אין אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט וועט ניט זיין קיין קאַמפּף פֿאַר חיונה. דער לעבען פֿון יעדען מענשען וועט זיין אָבהענגיג אָן די גאַנצע געזעלשאַפֿט, ניט ווי יעצט, וואו דער לעבען פֿון טויזענדע איז אָבהענגיג אין דעם ווילען און קאַפּריז פֿון איינעם. דאַן וועט יעדער מענש זיין זעלבשטענדיג, קיינער וועט פֿאַר קיי־עם ניט קיין מורא האָבען, קיינער וועט קיינעם ניט דאַרפֿען חנפה׳נען, מענשען וועלען ניט דאַרפֿען טראָגען קיין מאַסקעס, קיינער וועט ניט דאַרפֿען קיינעמס לאַסקע.

ווארף א קאץ ווי דו ווילסט, פאלט זי אויף אלע פיער.

(ער) אמת מאַרים, אָבער צו וואָס טויג דיר אָפּפֿערן דיין געזונד, דיין פֿאַרדיענסט און דיין צייט פֿאַר די וועלט? וואָס האַרט דיר פֿאַר די מענשהייט? זאָלען זיי זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואַנט. איך ווייס אַזוי גוט ווי דו, דאָס עס זיינען פֿאַרהאַנדען אין דער וועלט אַסך ליידענדע, און עס ווערען אָבגעטאָהן פֿיעלע אונרעכטען, אָבער וואַרום זאָל איך ברעכען מיין קאָפּ צוליעב דעם. ניט דו, ברודערל, האָסט די וועלט געמאַכט, ניט דו וועסט איהר איבער־מאַכען. זעה בעסער זיך צו פֿערלייכטערען דעם לעבען. מעהר ווי איין מאָהל לעבט מען ניט, אם אין אני לי מי לי, אַז דו וועסט פֿאַר זיך ניט טרייען, וועלען קיינע אַנדערע פֿאַר דיר גע־ווים ניט טרייען.

מארים לערנט מאקסען פסיכאלאגיע.

(איך) פֿון דיין שטאַנדפּונקט, מיין פֿריינד, ביסטו גאַנץ גע־רעכט. אָבער דו ווייסט דאָך דעם מאמר חז״ל: „אַל תדין את חברך עד שתגיע למקומו“. אום מיר ריכטיג צו אורטהיילען מוזטו פֿיהלען ווי איך פֿיהל. און דאָס איז פֿאַר אַ מענשען פֿון דיין טעמפּעראַ־מענט אונמעגליך. דו האָסט אַ גרויסען טעות ווען דו מיינסט דאָס

איך גיב זיך אָב מיט די פּראָפּאַגאַנדאַ פֿון סאָציאַליזמוס, דערפֿאַר ווייל איך ליעב די מענשהייט אַזוי שטאַרק. ניט נאָר ליעב איך איהר ניט, נאָר איך ווינש מאַנכעס מאָל, דאָס אַן ערדציטערניס זאָל בעגראַבען די גאַנצע מענשהייט.

אַלעס וואָס אַ מענש טהוט איז נאָר זיך צופֿריעדען צושטעלען. גיסטו איינעם אַ פּאַטש איז דאָס ד י ר צופֿריעדענצושטעלען. גיסטו איינעם אַ קוש, איז דאָס דיר צופֿריעדענצושטעלען.

וואַרום, ווען דער קוש זאָל ד י ר זיין אונאַנגענעהם, וואָלסטו דאָך איהם ניט געגעבען. די געפֿיהלען פֿון מענשען זיינען פֿערשי־דען, און דאַרום זיינען אויך פֿערשיעדען זייערע טהאַטען, וועלכע זיינען דער אָבקלאַנג פֿון זייערע געפֿיהלען.

דו זעהסט אין גאַס שטעהן אַ האַלב נאַקעטען און באָרפֿוסען קינד. עס איז קאַלט, עס גיסט אַ רעגען און דער ווינד וואויעט טרויעריג. דער קינד איז פֿערהונגערט און פֿערפֿראָרען. ער גיעט דיר אַ קוק אָן מיט אַזאַ רחמנות'דיגע מינע, אַז עס צוגעהט דיר דאָס האַרץ. דו נעהמסט אַרויס אַ פּעני און גיסט איהם. מיינסטו, דאָס צוליעב א י ה ם האָסטו איהם געגעבען די פּעני! ניין, ברו־דערל! צוליעב ד י ר האָסטו איהם געגעבען די פּעני, ווייל ד י ר האָט פֿערקלעמט דאָס הערץ, און מיט די פּעני האָסטו ד י י ן האַרץ אָבגעקלעמט. דו זעהסט מאַנכעס מאָל, ווי אַ גרויסער יונג שלאָגט אַ קליין קינד, און דו ווערסט אַזוי אויפֿגערעגט אויפֿ'ן גרויסען, אַז דו וואָלסט איהם וועלען געבען אַ פּאַטש. אַנאַנדער מענש קען דאָס זעלבע זעהן, און איהם וועט דאָס אַ קימער ניט טהון. ער וועט זיך געהן זיין וועג, און דו ועסט דעם גרויסען יונג אַוועקטרייבען. דאָך איז ד י י ן אַריינמישען זיך און י ע נ ע מ ס אַוועקגעהן, אַ פּראָדוקט פֿון דעם זעלבען מאָטיוו, ד. ה. זעלבסט־צופֿרידענשטעלונג. יענער האָט זיך צופֿריעדענגעשטעלט מיט'ן אַוועקגעהן, און דו האָסט דיר צופֿריעדענגעשטעלט מיט'ן אָננעה־מען זיך פֿאַר'ן שוואַכערען.

דאָס זעלבע, ברודער, איז ווען דו זעהסט איינעם זיך אָפּפֿער־רען פֿאַר אַ געוויסע אידעע. ער האָט ניט ביי זיך קיין ברירה,

אַזוי לאַנג ווי ער איז בעטרונקען מיט ענטהוזיאַזמוס פאַר די אידעע און זי פאָדערט פון איהם זעלבסטאָפּפערונג, טהוט ער דאָס זיינע געפיהלען צופריעדענצושטעלען. און עבען דאַרום איז עס אויך אונרעכט פאָרווירפע צו מאַכען איינעם ווען ער ווערט נאָך אַ געוויסע צייט קאַלט צו אַ אידעע, ווייל די היץ און די קעלט קומען פון איין קוועלע.

יעצט וועסטו פערשטעהן וואַרום איך בין אַ סאָציאַליסט. עס איז ניט מאהבת מרדכי און ניט משנאת המן, ניט ווייל איך ליעב די אָרימע אָדער ווייל איך האַס די רייכע. אַלס מענשען געפינען זיך צווישען די רייכע מעהר ליעבענסווירדיגע ווי צווישען די אָרימע. מיר, סאָציאַליסטען, קענען גלייכגילטיג ניט אַריבערטראָגען אונגערעכטיגקייט. מיר זיינען פון אַזאַ טעמפעראַמענט, וועלכע ווערען אויפגערעגט פון אַנדערע מענשענס ליידען, און ווען מיר אָפּפערן זיך, איז דאָס אונזערע געפיהלען איינצושטילען.

די מעהרסטע מענשען ווערען נור בעוואויגען פון זייערע אייגענע ליידען. דעם צווייטענס ווירקט אויף זיי ניט, דאַרום בלייבען זיי מענשען פאַר זיך. און ווען צווישען די מענשהייט וואָלט זיך ניט געפונען אַ געוויסער פּראָצענט, וועלכע זיינען ניט „מענשען פאַר זיך" וואָלט די מענשליכע געזעלשאַפט אימער געשטאַנען אויף איין אָרט. מיר זיינען די הייוועז פון די מענשהייט, און מיר טהוען דאָס וואָס די נאַטור פאָדערט פון אונז.

פון פסיכאָלאָגיע קומען זיי ארויף אויף סאָציאָלאָגיע.

אַזוי ריידענדיג זיינען מיר אַריין טיעף אין פּאַרק. דער וועטער איז געוועזען זעהר, זעהר שיין, די לופט ערקוויקענד, דער הימעל קלאָר, און די זון האָט געשיינט און געוואַרמט. אַזוי ווי עס איז געווען אַ וואָכענטאָג וואַרען וועניג מענשען אין פּאַרק. נאָר דאָ און דאָרט זיינען געזעסען אויף ביינק מענשען מיט פערשמאַכטע ליפּען און האָבען געקוקט אויף די רייכע עקיפּאַזשען וועלכע זיינען פערבייגעפאָהרען.

(ער) אונזער געשפּרעך האָט אונז אַרויפגעפיהרט אויף אַן ענין וועלכער איז זעהר אינטערעסאַנט און צוואַר דו האָסט מיר נאָך

אלץ ניט אָנגעפּאַנגען צו ערקלעהרען די רעכטע גערדיכטע פֿון סאָציאַליזמוס, פֿונדעסטוועגען מאַכט עס ניט אויס, ווייל ניט אַלע מאָל האָב איך די געלעגענהייט זיך אַרויסצושלאָגען פֿון קאָפּ די פֿאַבריק מיט די מענשען און זיך צו פֿערטיעפֿען אין אַזאַ געשפּרעך.

דו האָסט יעצט אַליין געזאָגט, אַז דאָס רוב מענשען זיינען „מענשען פֿאַר זיך", זיי קימערט ניט אַנדערענס פֿריידען און ליי־דען, זיינען פֿערנומען מיט דעם „זיך", און איך גיב צו דאָס עס איז ווירקליך אַזוי. יעדער מענש איז אַן „עולם קטן" — האָט אַמאָל איינער געזאָגט. זיין וועלט איז ער און זיין פֿאַמיליע. זיין שטרע־בונג איז נאָר ז י י נ ע אינטערעסען צו בעזאָרגען, די איבריגע וועלט ליגט איהם אין די לינקע פּאה ניט. פֿרעגט זיך דאָך א פֿראַגע: ווי אַזוי קענסטו ה פֿען דיין סאָציאַליזמוס אויסצופֿיהרען, ויען דאָס רוב מענשען קוקען נאָר וואָס פֿאַר דעם „זיך" איז גוט? ווען אַלע מענשען וואָלטען געווען ווי דו, וואָלט אַנדערש געווען, מען קען דאָך אָבער דעם מענשענס נאַטור ניט איבערמאַכען.

(איך) אמת, אָבער אום אויסצופֿיהרען דעם סאָציאַליזמוס איז ניט נויטיג דאָס מענשען זאָלען בייטען זייער נאַטור, דאָס זיי זאָ־לען אויפֿהערען צו שטרעבען זייערע אינטערעסען צו בעזאָרגען און בעפֿריעדיגען. פונקט פֿערקעהרט, מיר ווילען דוקא איינפֿלאַנצען אין מענשען וואָס מעהר זעלבסטליעבע. מיר האַלטען אין איין פּראָפּאַגאַנדירען, אין איין שרייען צום אָרימען פֿאָלק, דאָס זיי זאָלען היטען זייערע אייגענע אינטערעסען, דאָס זיי זאָלען קעמפּ־פֿען און פֿערטהיידיגען זייערע אינטערעסען, מיר ווייזען זיי נאָר אָן די בעסטע און זיכערסטע מיטלען זייערע אינטערעסען צו פֿער־טהיידיגען. ווען מיר זעהן, דאָס אַרבייטער קאָנקורירען איינער געגען צווייטען, יעדער טרייעט זיך צו חנפה'נען צום מייס־טער אין מיינט דערמיט זיך גוטעס צוטהון, קומען מיר צו געהן און קלעהרען איהם אויף, דאָס דיעזער מיטעל דעם „זיך" גוטעס צו טהון איז א געפֿעהרליכער פֿאַר דעם „זיך" און אָנשטאָט צו זיין אָבגעזונדערט איינער פֿון צווייטען, איז ראַטהזאַמער זיך צו פֿעראייניגען אום צו פֿערבעסערען די לאַגע פֿון אַלעמען. און ווען

די לאַגע פון דעם „רבים" איז פערבעסערט, הייסט עס, דאָס די לאַגע פון יעדען יחיד איז פערבעסערט.

ווען מיר זעהן ווי אַרבייטער פערקויפען זייער בירגער רעכטע פאַר אַ טעלער זופ, פאַר אַ גלאָז ביער, פאַר פאָהרען אַ פאָר מינוטען אין אַ קאַרעטע, אָדער זאָגאַר פאַר אַ פאָר טהאָלער, מיינענדיג אין זייער בלינדהייט און דומהייט, דאָס דער מיט טהוען זיי דעם „זיך" גוטעס, טרייען מיר זיי אַריינצוהאַקען אין די קעפ אַ ביסעל שכל און ווייזען זיי אויף, ווי זיי פערקויפען זייער בכורה פאַר אַ טאָפ לינדזען — וואָס רייד איך אַ טאָפ — אַ פינגערוט!

ווען מיר זעהען קליינע קרעמערלאַך און אַלערהאַנד קליינע סוחרים'לאַך, ווי זיי לויפען אַרום פערהאָרעוועט, פערשמייעט די קעפ פול מיט זאָרג, די הערצער פול מיט קריינקענים און ערגערנים, צוליעב וואָס? צוליעב דאָס שטיקעל חיונה, יעדער פאַר זיך, איינער דעם אַנדערען וואָלט גערען דערטרינקען, זאָגען מיר ניט צו זיי, הערט אויף צו זיין עגאָיסטיש! הערט אויף צו טרייען פאַר דעם „זיך", מיר ווייזען זיי נאָר ווי פיעל הונדערט מאָל מעהר גוטעס זיי וואָלטען געטאָהן דעם „זיך", ווען זיי זאָלען אָבגעבען דיזען ארט חיונה־קאַמפף און העלפען איינפיהרען סאָציאַליזמוס, ווייל דאַן וועט יעדער מענש לעבען אָהן זאָרג, אָהן רייסענעס אָהן בייסענים, אין פערגעניגענד און בעקוועמליכקייט.

דאָס וואָס דו זעהסט מיר און מיינע חברים אָפּפערענדיג אַ טהייל פון דעם „זיך" פאַר די בעוועגונג, איז דאָס נאָר דאַרום ווייל מיר זיינען די אַגיטירער; אָבער פון דער גרויסער מאַסע, פון זיי פאָרדערט ניט די בעוועגונג קיין זעלבסט אָפּפערונג, זיי האָבען נאָר צו געווינען ווען זיי וועלען אונז פאָלגען.

א קורצע פויזע.

מיר וואַרען אַזוי פאַרטיעפט אין אונזער געשפרעך, דאָס ניט בעטראַכטענדיג, וואו מיר געהען זיינען מיר פערגאַנגען אַזוי ווייט ביז קענזינגטאָן פאַרק. זייענדיג אַביסעל מיד פון פאָהרען, פון געהען און פוןריידען האָבען מיר זיך אָבגעזעצט נעבען דעם טראַקטיר. דיזער פלאַץ איז איינער פון די וויניגע אין לאָנדאָן

וואו מען קען זיצען בעקוועם אונטערן פרייען הימעל, צווישען גראָז, בוימער און בלומען, און טרינקען אַ גלאָז טייה, מיר האָבען געאָרדערט טייה און זיך געלאָזט אַביסעל וואָהלגעהן.

אַ צייט לאַנג זיינען מיר געזעסען שטיל און פערטראַכט. פון וואָס ער האָט געטראַכט ווייס איך ניט. מיינע געדאַנקען וואַרען פערנומען מיט דעם קאָנטראַסט פון די שיינהייט און בעקוועמליכקייט פון דיזען פלאַץ און די העסליכקייט פון וויטשעפעל, און ווי דום די מענשען זיינען צו פערברייננגען זייער לעבען אין שמוץ און אין האָרעוואַניע — ווען אונטער סאָציאַליזמוס וואָלט די גאַנצע וועלט געווען א קעזינגטאָן פארק.

די עקאָנאָמישע גרונדלאגען פון סאציאליזמוס:

ווען מיר האָבען געענדיגט אונזער טייה האָב איך אָהנע ווייטערע הקדמות איהם גענומען ערקלעהרען סאָציאַליזמוס בזה הלשון:

(איך) דער גאַנצער בנין פון סאָציאַליסטישע לעהרע האַלט זיך אויף 2 זיילען, אויף 2 בעהויפּטונגען, און אָן די ריכטיגקייט פון די צוויי בעהויפטונגען היינגט אָב די ריכטיגקייט פון סאָציאַליזמוס.

(ערשטער זייל) **דאס ארביים בעשאפט אלערליי רייכטהימער:**

(צווייטער זייל) **דאס די ארבייטער קריעגען נור א קליינעם טהייל פון די רייכטהימער וועלכע זיי שאפען.**

(ער) קענסטו דאָס בעווייזען שוואַרץ אויף ווייס מיט סטאַטיסטיקס, דאָס עס איז אַזוי?

(איך) ווען איך זאָל וועלען קען איך דיר געבען בערג מיט סטאַטיסטיקס וועלכע די סאָציאַליסטישע געלעהרענטע האָבען אָנגעזאַמעלט, איך וויל דיר אָבער ניט פערדרייען די קאָפּ מיט סטאַטיסטיקס, ווייל ערשטענס ווערסטו געווים אָנהויבען געגעצען ווען מיר וועלען זיך אַריינלאָזען אין טרוקענע ציפערן. צווייטענס בין איך ניט קיין גרויסער מאַמין אין סטאַטיסטיקס אין אַלגעמיין

ווייל זיי זיינען ווי אונזער הייליגע תורה, מען קען פֿון זיי דרינגען וואָס מען וויל. דריטענס גלויב איך דאָס בעווייזע גענומען פֿון לעבען מיט וועלכע מיר זיינען בעקאַנט, קענען גיכער איבערציי־גען אַ מענשען ווי טרוקענע ציפֿערן גענומען פֿון אַ בוך.

(ער) אין דעם שטים איך איין מיט דיר, דאָך גלויב איך דאָס דאָ וואו עס האַנדעלט זיך וועגען געוויסע פֿאַקטען ווי צום בייַשפּיעל וויפֿיעל מענשען עס זיינען פֿאַראַן אין אַ לאַנד, וויפֿיעל מענשען באַשעפֿטיגען זיך מיט די טרייד, און וויפֿיעל מיט יענע, און דאָס גלײכען, דאָ מוזען מיר דאָך אָנקומען צו סטאַטיסטיקס ווייל מיר קענ׳ען דאָך ניט גיין און איבערציילען, מיר מוזען זיך פֿערלאָזען אויף די וועלכע האָבען דאָס איבערגעציילט.

(איך) זייער פֿערגונפֿטיג מאַקס. איך גיב דאָס צו, איך בין ניט אַזאַ פֿיינד פֿון סטאַטיסטיקס אַז איך וויל זיי אין גאַנצען איג־נאָרירען, איך זאָג נור דאָס ווען מען קען איבערצייגען אַזאַך מיט׳ן פּראָסטען שכל, און מיט פֿאַקטען מיט וועלכע יעדער איינפֿאַכער מענש איז בעקאַנט איז עס פֿיעל ראַטהזאַמער אַלס צו איבערציי־גען מיט ציפֿערן. איך וועל דיר געבען אַ בייַשפּיעל:

איינער פֿון אונזערע געלעהרענטע מר. היינדמאַן ברייננט אונז אַ סטאַטיסטיק וועלכע ער האָט גענומען פֿון קאַפּיטאַליס־טישע עקאָנאָמיסטען, דאָס אין ענגלאַנד ווערט געשאַפֿען יעהרליך פֿאַר 15 הונדערט מיליאָן פֿונט רייכטהימער. דערפֿון קריגען די אַרבייטער נור 300 הונדערט מיליאָן אין ווײדזשעס פֿאַר׳ן שאַ־פֿען די גאַנצע סומע און 12 הונדערט מיליאָן נעמען צו די יע־ניגע וועלכע לעבען פֿון פּראָפֿיט, רענט און פּראָצענט.

מיט דיעזען סטאַטיסטיק און נאָך אַנדערע אַזעלכע וואָלט איך דיר געקאָנט איבערצייגען דעם צווייטען זייל קורץ און שאַרף אָבער ניין! איך וועל דיר בעסער טרייען איבערצייגען מיט ראיות פֿון לעבען מיט וועלכע דו ביסט בעסער בעקאַנט.

וואס איז אזעלכעס רייכטהום:

מיר וועלען אַלזאָ אָנפֿאַנגען אונזער חקירה מיט דעם ערש־טען פּונקט, ד. ה. דאָס א ר ב י י ט א י ז ד י ש ע פֿ ע ר י ן פֿ ו

אַלע רייכטהימער און אום צו מאַכען די ערקלעהרונג לייכט, מוז איך דיר פֿאָרהער פֿרעגען וואָס דו פֿאַרשטייסט אונ־טער דעם וואָרט רייכטהום.

(ער) איך פֿארשטעה דאַרונטער דאָס זעלבע וואָס אַלע פֿער־שטעהען. ווען איך זאָל האָבען היינט אַ הונדערט טויזענט פֿונט וואָלט איך געווען רייך. אָדער אַ העלפֿט דערפֿון וואָלט אויך ניט אויסגעמאַכט.

(איך) ניין ברודער׳ל, דיין אַנטוואָרט טויג ניט. שטעל דיר פֿאָר, דאָס דו ביסט אין אַ שטאָט, וועלכע איז בעלאַגערט פֿון איין אַרמיי, און אַלע לעבענס-מיטעל איז אויסגעגאַנגען: וואָלסטו דאַן געווען רייך מיט דיינע הונדערט טויזענד פֿונט.

(ער) אין אַזאַ פֿאַל געוויס ניט, איך מיין אָבער אין געוועהנ־ליכען לעבען, ווען מען קען קריגען פֿאַר געלט אַלע לעבענס־מיט־לען און פֿערגעניגענד־זאַכען.

(איך) הייסט דאָך דאָס איינפֿאַך דאָס געלד איז נאָר איין אָנווייזונג אויף רייכטהימער, אָבער די אמת׳ע רייכטהימער זיינען די לעבענס־מיטלען און פֿערגעניגענד זאַכען.

יעצט וועל איך דיר פֿרעגען נאָך אַ פֿראַגע: וואָס אַזעלכעס ענטהאַלטען אין זיך די לעבענס־מיטלען וואָס דאָס מאַכט זיי פֿאַר רייכטהימער.

(ער) אַ מאָדנע קשיה ער פֿרעגט! ווי הייסט? זיי זיינען ווערטהפֿאָלע זאַכען. ברויט, קליידער, הייזער, צירונג האָבען אין זיך „ווערטה".

(איך) גאַנץ ריכטיג, אָבער וואָס אַזעלכעס איז ווערטה? וואָס פֿאַר אַ מין בעשעפֿענים איז דאָס? וואַרום זיינען קליידער, הייזער צירונג און ברויט ווערטהפֿאָלע זאַכען?

(ער) ווי הייסט וואַרום? ווייל זיי בעפֿרידיגען די מענשליכע בעדערפֿעניסע.

(איך) אויב אַזוי, טאָ דאַרף דאָך לופֿט, וואַסער און זאָנענ־שיין געוויס אַנערקענט ווערען אַלס ווערטהפֿאָלע זאַכען, אַלס רייכטהימער, דען וואָס בעפֿרידיגט נאָך מעהר די מענשליכע בע־

דערפֿעניסע ווי די דריי זאַכען ? און דאָך זעהען מיר דאָס די וועלט אַנערקענט זיי ניט אַלס ווערטהפֿאָלע זאַכען. איז דאָך דער־פֿון געדרונגען אַז ווערטה, איז עפּעס אַזאַ מין זאַך וועלכ מען דאַרף טרייען אויסצוגעפֿינען.

מאקס׳ן ווערט איינג אין מח:

(ער) איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, דו האָסט מיר פֿער־שפּאַרט אין אַ ווינקעל, איך האָב נאָך קיין מאָהל אַזוי טיעף ניט אַריינגעקוקט אין אַזעלכע זאַכען. רייכטהום איז רייכטהום און אַ סוף.

(איך) דו ברודערעל ביסט נישט דער איינציגער, די מעהר־סטע מענשען מאַכען אַוועק מיט׳ן האַנד, און נעהמען אָהן פֿאַר קלייניגקייטען זאַכען, וועלכע מען דאַרף גוט שטודירען זיי צו פֿערשטיין. נאָר פֿון דעסטוועגען האָב געדולד, און דו וועסט זעהן דאָס איך וועל דיר פֿיהרען טריט ביי טריט ביז דו וועסט פֿון זיך אַליין מאַכען די ענטדעקונג וואָס ווערטה איז.

(ער) מיינסטו דען אין גאַנצען אָבצולייקענען דאָס די נוצ־ליכקייט פֿון אַ זאַך האָט אַ שייכות מיט דעם ווערטה פֿון דער זאַך.

(איך) חס וחלילה, דען ווען אַ זאַך זאָל גאָר קיין נוצליכקייט אין זיך ניט האָבען, וואָלט דאָך דאָס קיין רייכטהום ניט געוועזן. די בלאָטע אין גאַס בריינגט דעם מענשען גאָר קיין נוצען ניט און דאַרום האָט דאָס קיין ווערטה, דאָך איז די נוצליכקייט פֿון אַ זאַך ניט דער ווערטה פֿון דער זאַך, צום ביישפּיעל: דער ווערטה פֿון אַ לעבעל ברויט איז צוויי פּענעס, און דער ווערטה פֿון אַ דימענטענעם רינג איז צעהן פֿונט, דאָך ווען איך בין הונגעריג האָט דער לעבעל ברויט אַ גרעסערען נוטץ פֿאַר מיר ווי דער רינג. און דאָך איז דער ווערטה פֿון׳ם רינג טויזענד מאָהל אַזוי גרויס, ווי דער ווערטה פֿון׳ם לעבעל ברויט. איז דאָך דער פֿון געדרונגען דאָס נוצליכקייט און ווערטה זיינען צוויי בעזונ־דערע זאַכען.

זאָג מיר וואָס האָט אַ גרעסערען נוץ פֿאַר׳ן מענשען, אַ פּאָר הויזען אָדער אַ פֿראַק ?

(ער) געווים איז הויזען ניצליכער ווי אַ פּראַק, ווייל אָהן אַ פּראַק קען מען זיך באַגעהן און אָהן הויזען — ניט.

(איך) און דאָך איז דער ווערטה פון אַ פּראַק, פיער מאָל אזוי גרויס ווי פון הויזען, דאָס הייסט מען קען קויפען פיער פּאָר הויזען פאַר די געלד וואָס איין פּראַק קאָסט. ווארום איז דאָס אַזוי?

(ער) דו בינסט דאָך אַ שניידער, ווייסטו דען ניט דאָס מען קען מאַכען פיער פאָר הויזען אין דער צייט, וואָס מען מאַכט איין פּראַק.

אויסגעפונען וואס ווערטה איז:

(איך) אויב אַזוי, טאָ הייסט דאָך דאָס, אַז אַרבייט בעשאַפט ווערטה. דער פּראַק איז פיער מאָל אזוי פיעל ווערטה ווי די הויזען, ווייל ער ענטהאַלט אין זיך פיער מאָל אַזוי פיעל ארבייט. דאָס זעלבע איז מיט'ן רינג, ברודערעל, די אַרבייט וואָס איז פאַרצערט געוואָרען אין אויסגראָבען דעם דימאַנט, אין שלייפען און אין מאַכען דעם רינג, איז טויזענד מאָל אַזוי פיעל, אַלס די אַרבייט וואס איז פאַרצעהרט געוואָרען אין מאַכען דעם לעבעל ברויט. וואָס מעהר אַרבייט עס ווערט אריין געטאָהן אין אַ זאַך דעסטאָ אַ גרעסערען ווערטה בעקומט עס, און וואָס מעהרער ווערטה דעסטאָ מעהרער רייכטהום, אַלזאָ הייסט עס, דאָס אַרבייט בעשאַפט אַלע רייכטהימער.

(ער) ווי איך זעה מאָרים ביסטו אַ בקי אין דיין סאָציאַליסטישע תורה, דו האָסט אזוי געפלאַנעוועט, ביז דו ביסט אַרויסגעקומען אויף דאָס דייניגע.

נאַטירליך מוז איך צוגעבען דאָס די בעהויפטונג איז מעהר אָדער וועהניגער ריכטיג. אָבער איך האָב נאָך פיעל איינצואווענדען דאַגעגען.

נאכפראגע און אנבאט.

דו האָסט געזאָגט דאָס דער דימענטענער רינג איז טויזענד מאָל אַזוי פיעל ווערטה, ווי דער לעבעל ברויט, ווייל ער ענטהאַלט טויזענד מאָל אַזוי פיעל אַרבייט, איך גיב צו דאָס אַרבייט האָט פיעל צו טהאָן דער מיט, ווייל ווען מען וואָלט געקענט אויפהיי-

בען אַ דימענט ווי מען הויבט אויף אַ שטיינדיל וואָלט ער טייער אַזוי ניט געווען. דאָך דאַרפֿסטו ניט פֿערגעסען דאָס ביי די גרויסע ווערדע פֿון דימענט שפּיעלט אַ גרויסע ראָלע די ווינציגקייט פֿון אַרטיקעל, און דער גרויסער פֿערלאַנג.

ווידער האָסטו געזאָגט, דאָס וואָס מעהר אַרבייט עס ווערט אַריין געטאָהן אין אַ זאַך דעסטאָ אַ גרעסערען ווערטה בעקומט עס. איך רעכען אַז אין דעם האָסטו אויך אַ גרויסען טעות, צום ביישפּיעל: דו בינסט אַ געשווינטער שניידער און איך אַ לאַנגזאַמער, דיר נעהמט אַ טאָג צו מאַכען אַ ראָק און מיר אַנדערהאַלבען, דאָס הייסט אַז איך האָב אַריינגעטאָהן אין ראָק 50 פּראָצענט מעהר אַרבייט, וואָלט דאָך געדאַרפֿט אויסקומען נאָך דיינע רייד אַז מיין ראָק זאָל האָבען מיט 50 פּראָצענט מעהר ווערטה.

(איך) אין דיינע אָנדווענדונגען האָסטו בעריהרט דריי וויכטיגע פּונקטען. 1) די נאַטירליכע בעגרענצונג פֿון געוויסע אַרטיקלען, 2) נאַכפֿראַגע און אָנבאָט, 3) שנעלע און לאַנגזאַמע אַרבייטער.

עס איז אמת דאָס ווען אַ נוצליכע זאַך פֿון דער נאַטור איז בעגרענעצט אין קוואַנטיטעט, קריעגט זי אַ גרעסערען ווערטה, דאָס לייקענט אָבער ניט אָפּ אונזער כלל, ווייל דאָס איז „היוצא מן הכלל”, איין אויסנאַהמע, מיר ריידען הויפּטזעכליך פֿון אַרטיקלען וועלכע קענען פּראָדוצירט ווערען אָהן אַ גרענעץ, ביי אַזעלכע אַרטיקלען הייננט אָפּ דער ווערטה פֿון די מאָס אַרבייט. וואָס מעהר אַרבייט דעסטאָ מעהר ווערטה. איין אויסגעהאַקטער בוים האָט אַ געוויסען ווערטה. ווען עס ווערט אין איהם אַריינגעטאָהן מעהר אַרבייט אין די פֿאָרמע פֿון צוזעגען איהם אויף ברעטער דאַן איז ער שוין טייערער, ווען נאָך מעהר אַרבייט ווערט אין איהם אַריינגעטאָהן אין די פֿאָרמע פֿון מאַכען אויס די ברעטער אַ טיש, דאַן האָט ער שוין נאָך אַ גרעסערען ווערטה. וואָס הייסט אַ טיש? אַ בוים און אַרבייט. אַ טיש אָהן אַרבייט איז אַ בוים וועלכער האָט קיין ווערטה, אַ בוים מיט אַרבייט איז אַ טיש וועלכער האָט אַ ווערטה.

איך האָב דיר צוגעגעבען, דאָס די נאַטירליכע בעגרעניצונג

פֿון אַ זאַך גיט איהר צו אַ ווערטה, אַחוץ דעם ווערטה וואָס אַר־ב י י ט גיט איהר. דאָך ווען דו וועסט טיעפֿער אריינקוקען אין דעם, וועסטו זעהן, דאָס זאַגאַר דיעזער עקסטראַ ווערטה, וועלכע די זאַך קריעגט צוליעב די ווינציגקייט, איז אויך פֿערבונדען מיט אַרבייט, ווייל וואָס ווינציגער די וועלט בעזיעצט פֿון אַ געוויסען אַרטיקעל, דעסטאָ מעהר אויסגאַבען איז פֿערהאַנדען דיעזען אַרטי־קעל צו קריעגען. און וואָס הייסט אייגענטליך אויסגאַבען? איינפֿאַך אַרבייט.

פרייז און ווערטה.

עס איז אמת, דאָס נאָכפֿראַגע און אָנבאָט ווירקט אויף דעם פרייז פֿון אַן אַרטיקעל, אָבער ניט אויף איהר ווערטה. און עס איז טאַקי נויטיג דאָס מיר זאָלען זיך אָבשטעלען אַ ווײלע אויף דעם אונטערשיעד פֿון פרייז און ווערטה. דער פרייז פֿון אַ זאַך איז די סומע וועלכע דו ביסט געצוואונגען צו צאָהלען פֿאַר אַ געוויסען אַרטיקעל אין געוויסע צייטען. מאַנכעס מאָל מעהר, מאַנכעס מאָל ווייניגער. מאַנכעס מאָל ווערט דער פרייז פֿון אַן אַרטיקעל העכער צוליעב מלחמה, מאַנכעס מאָל צוליעב מאָנאָפּאָל און מאַנכעס מאָל ווייל דער פֿערלאַנג ווערט פלוצלונג גרויס פֿאַר אַ געוויסען אַרטיקעל. דאָס האָט אָבער ניט צו טהון מיט דעם ווערטה פֿון אַ זאַך. דער ווערטה בלייבט אימער דער זעלבער. אַן אויסגעהאַקטער בוים האָט אימער און איבעראַל אַ גרעסערען ווערטה אַלס אַ בוים אין וואַלד, אַ צוזעגטער בוים אויף ברעטער האָט אימער און איבעראַל אַ גרעסערן ווערטה אַלס ניט אַ צוזעגטער. אַ טיש האָט אימער און איבעראַל אַ גרעסערען ווערטה אַלס ברעטער.

דורכשניטליכע מענשליכע ארבייט.

מיר וועלען יעצט בעריהרען דעם דריטען פונקט, נעמליך, שנעלע און לאַנגזאַמע אַרבייטער. זאָג מיר, איך בעט דיר, מאַקס, ביי דיר אין וואָרקשאָפּ זיינען אַלע אַרבייטער שנעלע אָדער אַלע לאַנגזאַמע?

(ער) זיי זיינען דורכגעוואָרפֿען, מאַנכע שנעלע, און מאַנכע לאַנגזאַמע.

(איך) ווען מען גיט דיר אין מאַגאַזין אַ נייעם סאָרט ראָק, אין מען הייסט דיר שטעלען דעם פרייז אויף איהם, ווי טהוסטו דאַן, בערעכענסטו דעם פרייז לויט דיינע שנעלע אַרבייט אָדער לויט די לאַנגזאַמע?

(ער) איך בערעכען דורכשניטליך.

(איך) דאָס זעלבע טהוען מיר, ווען מיר ריידען פון אַ ר ב י י ט מיינען מיר דורכשניטליכע אַרבייט, און ווען מיר זאָגען דורכשניטליכע אַרבייט, מיינען מיר ניט בלויז שנעלע און לאַנגזאַמע, זאָנדערן מיר רעכענען אַריין אַלערליי סאָרטען אַרבייט, סיי די אַרבייט פון אַ קוילען גרעבער אָדער די אַרבייט פון אַ גאָלדשמיעד אָדער איין אַרכיטעקט.

(ער) איך מיין, דאָס דו האָסט אַ גרויסען טעות. ווילסטו דען אָבלייקענען דאָס איין אַרטיקעל אויף וועלכען אַ גאָלדשמיעד אַר־בייט אַ טאָג האָט אַ גרעסערן ווערטה, ווי אַן ארטיקעל אויף וועל־כען אַ קוילען גרעבער אַרבייט אַ טאָג? ווער רעדט שוין פון איין אַרכיטעקט? זיינער אַ פלאַן אויף וועלכען ער אַרבייט אַ טאָג האָט הונדערט מאָל די ווערטה ווי דער אַרטיקעל פון וועלכען אַ קוילען־גרעבער האָט געאַרבייט אַ טאָג. דאָס בעווייזט דאָך דאָס דיין טהע־אָריע איז פאַלש, דאָס ניט די מאָס פון דורכשניטליכע אַרבייט מאַכט דעם ו ו ע ר ט ה פון איין אַרטיקעל, זאָנדערן די ז אָ ר ט אַרבייט.

(איך) דיין, קשיה, מאַקס, איז מיר זעהר געפעהלען, ווייל דאָס בעווייזט אַז דער מוח אַרבייט ביי דיר, און דאָס דו קעמפפסט העלדיש מיט דעם שטורם וואָס מיין סאָציאַליסטישע חקירה האָט אין דיינע געדאַנקען אויפגעהויבען. דאָך וועל איך דיר בעווייזען אַז דו האָסט אַ טעות, ניט איך.

ווייסטו וואַרום דער טאָג אַרבייט פון אַרכיטעקט שאַפט מעהר ווערטה, ווי דער טאָג אַרבייט פון קוילען גרעבער? דאָס איז דאַרום ווייל אין דעם אַרכיטעקטס פלאַן איז בעהאַלטען אַ פיעל גרעסערע מאָס דורכשניטליכע מענשליכע אַרבייט, ווי אין דעם טאָן קוילען, אָבוואָהלביידע האָבען געאַרבייט אַ גלייכע צייט. דאַרפסט

ניט פֿערגעסען אויף וויפֿיעל מאָהל מעהר אַרבייט עס איז פֿער־צעהרט געוואָרען צו צושטעלען איין אַרכיטעקט, אַלס צו צושטעלען אַ קוילען גרעבער. אַ קוילען גרעבער קען מען ווערען צו 15 אָדער 16 יאָהר. מען דאַרף ווייניג לערנען דער צו. איין אַרכיטעקט צו ווערען דאַרף מען לערנען ביז עטליכע און צוואַנציג יאָהר. באַ־רעכנען די אַרבייט וועלכע עס ווערט פֿאַרצערט אויף דעם אַרכי־טעקט אין בעצוג אויף די יוניווערזיטעט, פּראָפֿעסאָרען, ביכער, לייברעריס, אינסטרומענטען און לעבענס מיטלען. דו וועסט דאָס אַלעס באַרעכענען, וועסטו זעהן, דאָס אָבוואָהל דער פּלאַן ענט־האַלט אין זיך נור אַ טאָג פֿון דעם אַרכיטעקטס אַרבייט, דאָך, דורכשניטליכע מענשליכע אַרבייט ענטהאַלט ער פֿיעלע טעג.

וואָס איז ארבייט?

(ער) סייא מאָרים! מיר האָבען פֿערבראַכט אַ פּאָר שטונדען מיט אַ חקירה, וואָס נאָך מיין מיינונג האָט קיין שייכות מיט אונ־זער ענין. איך גיב צו, דאָס דער געגענשטאַנד איז איין אינטערע־סאַנטער און בעלעהרענדער. איך בין אויך געצוואונגען צו צוגעבען, דאָס די מאָס פֿון דורכשניטליכע מענשליכע אַר־בייט בעשטימט דעם ווערטה פֿון אַ זאַך, אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָהן מיט סאָציאַליזמוס?

(איך) וואָס דאָס האָט צו טאָהן מיט סאָציאַליזמוס פֿרעגסטו? עס האָט זעהר פֿיעל צו טאָהן. ווען עס איז איינמאָל פֿעסט גע־שטעלט דאָס אַרבייט בעשטימט דעם ווערטה פֿון אַ זאַך, הייסט דאָך דאָס, דאָס אַרבייט שאַפֿט אַלע רייכטהימער, און אַז אַר־בייט שאַפֿט אַלע רייכטהימער, געהערען דאָך, לויט יושר און מאָראַל, אַלע רייכטהימער צו די אַרבייטער, און ניט צו די קאַפּיטאַליסטען.

(ער) ווער הייסען ביי דיר אַרבייטער?

(איך) די יעניגע וועלכע אַרבייטען.

(ער) וואָס רופֿסטו דען אַרבייט?

(איך) ארבייט הייסט אונפֿערמיידליכע קערפּערליכע און גייסטיגע בעוועגונג וועלכע שאַפֿען און בעזארגען די

בעדירפֿניסע און פֿערגעניגען פֿון די מענשליכע געזעלשאַפֿט.

(ער) ווי איך זעה, מאָרים, האָסטו אין זיך ניין מאָס ריידן וואָס טויג מיר אַזאַ לאַנגער פּירוש? אַרבייט איז אַרבייט! יעדע קערפּערליכע און גייסטיגע בעוועגונג איז אַ ר ב י י ט. און ווען דו וואָלסט גיט פֿערבראַכט דיין לעבען ביין מאַשין, ווען דו וואָלסט געווען אַ מייסטער, אָדער אַזוי אַ געשעפֿטסמאַן וואָלסטו געזעהען, דאָס די קאַפּיטאַליסטען, מייסטערס און סוחרים, אַרבייטען פֿילייכט שווערער ווי דיינע אַרבייטער. אַ פּראָסטער אַרבייטער. טהוט אָפּ זיין טאָג אַרבייט און אַ סוף, אָבגעטאָהן. זיין מוח דאַרט איהם ניט. מיר, מייסטערס און סוחרים, מיר האָבען קיין טאָג און קיין נאַכט.

מיינסטו דען דאָס נאָר קלאַפּען מיט'ן האַמער אָדער שטורכען מיט'ן נאָדעל הייסט אַרבייט? ווען מיר זאָלען ניט אַרבייטען צו שאַפֿען די פֿאַבריקען מיט די מאַשינען און אָרגאַניזירען די אינדוסטריע, ווען מיר זאָלען ניט זוכען מערק די פּראָדוקטען צו פֿערקויפֿען, וואו וואָלטען די אַרבייטער געווען אין דער וועלט?

(איך) ווי איך זעה געפֿעלט דיר ניט מיין פּירוש, ער קומט אוים ביי דיר צו לאַנג, איבעריגע ווערטער נאָך דיין מיינונג. „אַרבייט איז אַרבייט" זאָגסטו.

נוצליכע און שעדליכע אַרבייט.

איך וועל פּרובירען דיר צו איבערצייגען דאָס ניט יעדע אַרבייט איז אַרבייט, ניט יעדע קערפּערליכע און גייסטליכע בעוועגונג הייסט אַ ר ב י י ט. איך וועל פּרובירען דיר צו איבערצייגען דאָס איך האָב ניט בענוצט איבעריגע ווערטער אין מיין פּירוש אויף דעם וואָרט אַ ר ב י י ט, זאָנדערן דאָס יעדער וואָרט האָט אַ זין.

מיר וועלען נעהמען אַ ביישפּיעל פֿון צווייערליי קערפּערליכע און גייסטליכע בעוועגונגען, און איך וועל זעהן וועלכע דו אַליין וועסט אָננעהמען פֿאַר די ריכטיגע אַרבייט. ראובן מאַכט קערפּערליכע בעוועגונגען מיט דעם וואָס ער שטעכט אַריין אַ נאָדעל אין

געוואַנט, און שמעון מאַכט קערפּערליכע בעוועגונגען מיט דעם וואָס ער שטעכט אַריין אַ נאָדעל אַ אידען אין... בעת ער פּאַלט כורעים יום כיפור,ביידע קערפּערליכע בעוועגונגען.

ראובן מאַכט גייסטליכע בעוועגונגען אין אויסטראַכטען אַ מאַשין צו פערלייכטערן געוויסע אַרבייט, שמעון מאַכט גייסטיגע בעוועגונגען קלעהרענדיג ווי צו בע'גנב'נען אַ באַנק. ביידע גייס־טיגע בעוועגונגען. יעצט זאָג מיר, איך בעט דיר, אין וואָס בע־שטייט דער אונטערשיעד אין די אַרבייט פון ראובן און שמעון?

(ער) דער ערשטער שאַפט און בעזאָרגט מענש־ליכע בעדערפֿניסע, דער צווייטער שאַדעט די מענשהייט.

(איך) ראובן איז אַ קאָנדוקטאָר אויף אַ טרעמווע, און שמעון איז אַ לאָקיי ביי אַ רייכען פאַבריקאַנט וועלכער זיצט לעבען קוט־שער די הענד פאַרלייגט, בעת זיין העררפֿאָהרט אוים שפּאַציע־רען. דיינקסטו דאָס ביידענס אַרבייט זיינען גלייך נוטצליך?

(ער) ניין, דאָס ניט!

(איך) וואָרום ניט?

(ער) דער ערשטער בעדיענט די גאַנצע געזעלשאַפט, און דער צווייטער בעפֿריעדיגט אַ נאַרישע גאוה פון איין מענשען.

(איך) ווי אַרביימען ביי דיר די מאַשינערס געסטריגעוועט אָדער אונגעסטריגעוועט?

(ער) וואָס מיר געסטריגעוועט! מיינע מאַשינערס מאַכען מיר אַריין טאַשען אונגעסטריגעוועט פיעל שענער ווי אַמאָל ווען מען פלעגט פאַרברייננגען אַזוי פיעל צייט אויף סטריגעווען.

(איך) ווען עס זאָל קומען צו דיר אַן אַלטמאָדישער מאַשינער און אָנשטאָט אַריינצומאַכען אַ ראָק קעשענעס אונגעסטריגעוועט אין צוואַנציג מינוטען וועט ער זיך אַוועקזעצען פריהער סטריגעווען און נאַכהער צופרעסען, און דאַן מאַשינען, און נאַכהער ווייעדער סטריגעווען און ווייטער פרעסען אַזוי אַז אַ ראָק קעשענעס וועט ביי איהם נעהמען אַ האלבען טאָג, וואָס וואָלסטו מיט אַזאַ מאַשינער געטאָהן?

(ער) איך וואָלט איהם געהייסען מוחל זיין.

(איך) שטייטש ער האָט דאָך געאַרבייט נוטצליכע אַרבייט דעם האַלבען טאָג!

(ער) יא נוטצליך ניט נוטצליך, איך דאַרף נור האָבען די אַרבייט וועלכע איז אונפערמיידליך צו מאַכען אַ ראָק קעשענעס.

(איך) יעצט ברודערל, אז דו וועסט אַרויסנעהמען פון דיינע אנטוואָרטען די ווערטער: אונפערמיידליך, שאַפט און בעזאָרגט מענשליכע בעדירפניסע, בעדיענט די גאַנצע געזעלשאַפט און דו וועסט זיי צוזאַמענשטעלען גראַ־מאַטיש אין איין זאַטץ וועט דיעזער זאַטץ זיין עהנליך צו מיין פירוש.

זיינען די קאפיטאליסטען יעצט ווירקליך נוטצליך?

(איך) אום אויסצוגעפינען אויב די קאַפּיטאַליסטען האָבען אַ חלק אין פראָדוצירען רייכטהימער, וועלען מיר נעהמען זייערע פערשיעדענע זאָרטען אַרבייט און מיר וועלען זיי מעסטען מיט אונזער פרוש, וועלען מיר זעהן אויב עס האַלט אוים די פראָבע.

דו האָסט מיר פאַרזיכערט דאָס די קאַפּיטאַליסטען אַרבייטען פיעל שווערער ווי די אַרבייטער ווייל זיי ברעכען זיך די קעפ. זיי פיהרען די אינדוסטריע פונקט ווי אַ קאַפּיטאַן פיהרט אַ שיף, זיי בעזאָרגען די פאַבריקען און מאַשינען און זיי זוכען די מערק די סחורות צו פערקויפען און ווען ניט זיי וואָלטען די אַרבייטער געלעגען אין דער אדמה.

אַלס אַ קליינע הקדמה'לע וועל איך דיר אויפמערקזאַם מאַ־כען אויף דיעזען פאַקט: דאָס אין אָנפאַנג פון די ענטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם האָט דער אינדיווידועלער קאַפּי־טאַליסט ווירקליך פערוואַלטעט זיין געשעפט.—צו זיין פערוואַלטונג וואַר גוט אָדער שלעכט, נוטצליך אָדער ניט, וועגען דעם וועלען מיר באַלד ריידען—יעצט אָבער האָט זיך דער קאַפּיטאַליסטישער סיס־טעם ענטוויקעלט צו אַזאַ מדרגה דאָס די גרעסטע געשעפטען ווערען געפיהרט פון קאָמפּאַניעס וואו אַלעס ווערט געטאָהן פון בעצאָהלטע בעאַמטע, און דער אַקציאָנער, דער קאַפּיטאַליסט

ניט נור ער טהוט גאָר ניט אין געשעפֿט, זאָנדערן ער האָט ניט דעם מינדעסטען בעגריעף פֿון דעם געשעפֿט, ער ווייס נור דאָס אַלע האַלב יאָהר דאַרף ער קריעגען זיין חלק.

דאָס וואַר בלויז אַ זייטיגע באַמערקונג, מיר ווען זיך יעצט נעהמען צום ענין גופא, מיר וועלען זיך פֿאָרשטעלען דאָס זאָגאָר יעצט טהוט דער אינדיווידועלער קאַפּיטאַליסט די אַרבייט וואָס דו האָסט אויסגערעכענט.

אך אונד וועה, צו אזא פיהרונג.

אויב דער קאַפּיטאַליסט איז דער קאַפּיטאַן פֿון די אינדוס־טריע, איז ער ווערטה מען זאָל איהם צוברעכען האַלדז און נאַקען, ווען אַ קאַפּיטאַן זאָל פֿיהרען אַ שיף ווי ער פֿיהרט די אינדוסטריע וואָלט מען איהם גלייך פֿערשפּאַרט אין אַ דולהויז. בעטראַכט נור וואָס עס טהוט זיך אין דער וועלט אונטער זיין פֿערוואַלטונג.

מיר לעבען אין אַ וועלט פֿון כל טוב. וויפֿיעל הונדערטע פֿאַטענטען האָבען בעזונגען איהר שיינהייט? און דאָך בלייבט נאָך אַזוי פֿיעל איבער צו בעשרייבען און בעזינגען! וויסענשאַפֿט, קונסט און אַרבייט האָבען זיך אַזוי ענטוויקעלט, דאָס עס איז באַוויזען געוואָרען ביי מענשען וועלכע וויסען וואָס זיי ריירען, דאָס ווען יעדער ערוואַקסענער מענש זאָל אַנטהייל נעהמען אין די פּראָדוק־ציאָן פֿון לעבענסמיטלען, וואָלט אויסגעקומען פֿאַר יעדען צו אַר־בייטען אָם העכסטענס פֿיער שטונדען אַ טאָג.

די ענטוויקלונג פֿון אייזענבאַהנען און דאַמפּף שיפֿען, טעלעגראַפֿען און טעלעפֿאָנען, האָבען געמאַכט פֿון דער גאַנצער וועלט איין לאַנד. אין אַ קורצע צייט קען מען איבערפֿיהרען סחורות אויף טויזענדע מיילען.

ווען אַ מענש פֿון אַנאַנדער פּלאַנעט זאָל אַרונטערקומען און בעטראַכטען די פֿרוכטבאַרקייט פֿון אונזער ערד קוגעל, די באַ־נאַנזאַ פֿאַרמס פֿון אַמעריקאַ, וועלכע קענען בעזאָרגען די וועלט מיט תבואה, די פֿרוכט און וויין פֿון קאַליפֿאָרניע, פֿראַנקרייך, שפּאַניען און אונגאַרען, וועלכע ליפֿערן גענוג וויין זיך פשוט צו באָדען אין דעם; ווען דער פּלאַנעט מענש זאָל בעטראַכטען די פֿאַבריקען פֿון ענגלאַנד, דייטשלאַנד, בעלגיען, און די נאָרדליכע

שטאַאַטען פון אַמעריקאַ, און ווען ער זאָל דאָס אַלעס פערגלייכען מיט דעם צושטאַנד פון אונזער וועלט מיט אַ 2 הונדערט יאָהר צוריק, וואָלט ער געוויס געקומען צו דעם בעשלוס דאָס יעדער מענש באָדעט זיך יעצט אין רייכטהום, דאָס קיינער וויים ניט פון דאגות חיונה, דאָס יעדער לעבט אַ גרינג לעבען.

און ווי איז עס יעצט אין דער ווירקליכקייט אונטער די פיה־רונג פון אונזער קאַפּיטאַליסטישען קאַפּיטאַן? 75 פּראָצענט פון די מענשהייט קוועלען זיך אָב זייער גאַנצען לעבען, אַרבייטען ווי די פערד, בלויז דעם לעבען צו דערהאַלטען, פאַרדומט, פאַר־גרעבט, אָהן פערגעניגענד און אָהן האָפנונג, פאַרברייגגען זיי זייערע עמליכע יאָהרען.

און וואָס פאַר אַ לעבען פאַרברייגגען די קליינע געשעפטס־לייט, די יעניגע וועלכע קלעטערן אויף דעם לייטער וואָס פיהרט צו רייכטהום? דיר דאַרף איך דאָך ניט דערציילען, דו ווייסט דאָך די קאָפּ דרייעניש, האַרץ עסענעס, גאַל צופּלאַצענעס, וואָס זיי שטייען אויס, קלעטערענדיג אויף׳ן לייטער, און וויפיעל פון זיי נאָך יאָהרען פון מיה און מאַטערנים אַרויף צו קלעטערען אַ פּאָר־שטאַפּלען, גלימצען זיך אויס, פאַלען אַרונטער און ברעכען דעם קאַרק?

אַזוי, ברודערל, פיהרט דער קאַפּיטאַן די וועלט־שיף! וועה־רענד די פּאַסאַזשירען ליידען הונגער, קעלט, נויט, דחקות, און אַלערליי צרות, ליגט ער ביי זיך אין קאַיוט און לאָזט זיך וואָהל־גיין מיט גוטע ברידער, מען הולטייעט אויף וואָס די וועלט שטייט, און מען לאָזט די שיף פון אינדוסטריע און קאָמערציע זיך ראַנג־לען מיט די כוואַליעס, ניט זי ווערט געפיהרט, ניט זי ווערט רעגולירט, און אַלס אַ רעזולטאַט פון דיעזען כאַאָס, שלאָגט זיך אָן די וועלט שיף אָפּט אָן אַ שטיין און עס ווערט אַ קריזיס...

מיליאָנען אַרבייטער גייען אַרום אָהן אַרבייט, טויזענדע גע־שעפטס־לייט גייען באַנקראָט, דער וועלט מאַרק איז פול מיט פּראָדוקטען, און די וואָס האָבען דאָס פּראָדוצירט האָבען ניט מיט וואָס דאָס צו קויפען.

מיילער ווילען עסען, הענד ווילען אַרבייטען, מאַשינען ווילען זיך דרייען, און די מאַשינען שטייען, די הענד היינגען מאַכטלאָז פון די אַקסלען, די מיילער שלינגען די שפּייעכץ, און דער קאַפּי־טאַן וואו האָט איהם דער טייוועל פאַרטראָגען? ער ליעגט אין קאַיוט און שיכור'ט.

די פּאַסאַזשירען קומען ענדליך אַ ביסעל צו זיך, די שיף פאַנגט ווייטער אָן צו גיין ביז דעם נעקסטען קריזיס. און ביים נאַרישען עולם קומט אויס אַז דער קאַפּיטאַליסט איז דער קאַפּי־טאַן פון דער אינדוסריע.

(ער) איך האָב געמיינט דאָס מיין שוויגער האָט אין זיך אַ מענה לשון, אָבער ווי איך זעה מעג זי ביי דיר די פעטשערעס הייטצען.

(איך) ווען דו ברודערל וואָלסט אַזוי פּיעל געטרונקען פון ביטערען כוס ווי איך, און ווען דו וואָלסט געקומען אין בעריהר־ מיט די ליידענדע ווי איך, וואָלט דיר ניט געווען צו מוטה זיך צו וויטצלען.

מאַקס האָט אָן מיר דערקענט דאָס זיין סאַטירישע בעמערקונג האָט מיר פערדרוס געמאַכט, און האָט זיך ענטשולדיגט.

ווי וויינִיג מען וועט דארפען ארבייטען אין א סאציאליס־טישער געזעלשאפט.

(ער) ענטשולדיג מיר מאַרים, איך האָב קיין בעליידיגונג ניט געמיינט, איך מיין נור צו זאָגען דאָס איהר סאָציאַליסטען מאָהלט דעם טייוועל שוואַרצער ווי ער איז, און דאָס פּיעלע זאַכען איבער־טרייבט איהר, צום ביישפּיעל: דו האָסט געזאָגט דאָס ווען יעדער דערוואַקסענער מענש זאָל אַנטהייל נעהמען אין די נייטיגע אַרבייט פון די געזעלשאַפט וואָלט מען אַלע לעבענסמיטלען געקענט שאַפען אין 4 שטונדען, הייסט דאָך דאָס איינפאַך דאָס יעצט אַרבייטען די אַרבייטער אונגעפעהר איין דריטעל פאַר זיך און צוויי דריטעל פאַר אַנדערע. וויעדער מיין איך, האָסטו אַביסעלע צו שאַרף געשילדערט די לאַגע פון די אָרעמע.

„וויכטיגע ציפערן."

(איך) דאָס די אַרבייטער אַרבייטען אַ דריטעל פאַר זיך, און

צוויי דריטעל פאַר אַנדערע דאָס וועל איך דיר פאַקטיש בעווייזען ווען מיר וועלען האַלטען ביים צווייטען זייל אויף וועלכען די סאָ־ציאַליסטישע טהעאָריע איז געבויט. נור אַז מיר זיינען שוין אַביסעל פאַרקראָכען אָן אַ זייט וועל איך דיר פאָרלעזען פון אַ ביכעל וועלכען איך האָב ביי זיך איינינע פאַקטען, געזאַמעלט פון קאַ־פיטאַליסטישע קוועלען. דער טיטעל פון דיזען ביכעל איז: „פאַקטען פאַר סאָציאַליסטען" אַרויסגעגעבען געוואָרען פון די פאַביען סאָ־סייטע. פון דיזע פאַקטען און פון מיינע אייגענע שליסע וועלכע איך ציה פון זיי וועלען מיר זעהען אונגעפעהר ווי פיעל מענשען זיינען בעשעפטיגט אין די פראָדוקציאָן פון די נייטיגע לעבענס־מיטלען, און וויפיעל נוטצלאָזע מענשען זיי האַלטען אויף. אויך וועלען מיר זעהען דעם אונטערשיעד אין דעם לעבען פון די נוטצ־ליכע אַרבייטער און פון די לײדיג גייער.

לויט דעם צענזוס פון 1891 יאָהר איז אין גרויסבריטאַניע געווען 37,731,915 מענשען. לויט די ציפערן אין מולהאָלס דיק־שענערי אָף סטעטיסטיקס. ווענען די בעפעלקערונג פון פערשיע־דענע לענדער קומט אויס, דאָס אונגעפעהר אַ העלפט פון יעדע בעפעלקערונג איז אַרבייטס־פעהיג. די צווייטע העלפט באַשטייט אויס צו יונגע און צו אַלטע צו דער אַרבייט. אַלזאָ הייסט עס דאָס אין 1891 איז אין גרויס בריטאַניע געווען אונגעפעהר 19 מיליאָן אַרבייטספעהיגע מענשען. לויט די ציפערן פון פראָפעסאָר באולי, סער גיפען, לעאָן לעווי און אַנדערע, קומט אויס דאָס די צאָהל מענשען וועלכע אַרבייטען פאַר אַ לוין איז 13 מיליאָן. דאָס הייסט דאָס דיזע 13 מיליאָן אַרבייטער זיינען מפרנס די קרוב 38 מי־ליאָן נפשות אין גרויס בריטאַניע.

אַזוי ווי דו ביסט ניט קיין גרינער ווייסטו וואָס הייסט אין ענגלאַנד ביזע און סלעק, און דאָס ווען מען מאַכט אַ סך הכל פון די מאָנאַטען אין יאָהר וויפיעל עס ווערט דורכשניטליך געאַרבייט מיין איך דאָס מיר וועלען זיין ניט ווייט פון אמת ווען מיר וועלען זאָגען, דאָס די 13 מיליאָן אַרבייטען דורכשניטליך 9 מאָנאַט אין יאָהר. אויב אַזוי קומט אויס דאָס ווען מען זאָל אַרבייטען 12 מאָ־

נאָט אין יאָהר כסדר וואָלטען 10 מיליאָן אַרבייטער געקענט שאַ-פֿען די פּראָדוקטען אויף וועלכע עס אַרבייטען יעצט 13 מיליאָן.

יעצט וועלען מיר נעהמען אין אַנבעטראַכט וויפֿיעל אַרבייטער זיינען בעשעפֿטיגט אין מאַכען לוקסוס זאַכען פֿאַר די רייכע. דיזעס קען מען דירעקט ניט אויסגעפֿינען נור מיר וועלען זיך קענען משער זיין פֿון די פֿאָלגענדע ציפֿערן:

וויפֿיעל די ארבייטער קריגען פארן ארבייטען, און די קאַ-פּיטאַליסטען פארן ליידיג גיין.

די לעצטע סטאַטיסטיקס ווייזען אויף דאָס אין ענגלאַנד ווערט געשאַפֿען יעהרליך פֿאַר 17 הונדערט מיליאָן פֿונט פּראָדוקטען. דער פֿון קריגען די אַרבייטער פֿאַר'ן שאַפֿען די גאַנצע סומע 650 מיליאָן פֿונט, פֿון וועלכע זיי דאַרפֿען אַוועקצאָהלען דירה געלד, וועהרענד די רייכע פֿאַר'ן ליידיג אַרומגעהן 1 טויזענד און 50 מיליאָן פֿונט אַ חוץ די רענט וועלכע די אַרבייטער צאָהלען זיי. פֿון דיזע סומע שפּאָרען די רייכע יעהרליך 200 מיליאָן.

מיר קענען זיכער אָננעהמען דאָס זיי פֿאַרצערען אונגעפֿעהר 1000 מיליאָן פֿונט אַ יאָהר.

פּראָפֿעסאָר מולהאַל האָט באַרעכענט דאָס אין 1889 זיינען געווען אונגעפֿעהר 5 מיליאָן פֿאַמיליען פֿון די אַרבייטער קלאַסע. 220 טויזענד פֿאַמיליען פֿון די גאַנץ רייכע, 600 טויזענד פֿאַמיליען פֿון די מיטעלע קלאַסע, און איבער אַ מיליאָן פֿאַמיליען קליינע הענדלער.

דער יעהרליכער איינקונפֿט פֿון די הענדלער קלאַסע איז געווען אין 1886 יאָהר 244,000,000 פֿונט.

ווען מיר וועלען דיזע סומע אַרונטער נעהמען פֿון די טוי-זענד מיליאָן פֿונט וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסע פֿאַרצעהרט אַ יאָהר וועט זיך אַרויס שטעלען דאָס אונגעפֿעהר 800 טויזענד פֿאַמיליען פֿאַרצערען קרוב 750 מיליאָן פֿונט. און אַזוי ווי אויף אַלע אַנדערע נייטיגע לעבענס-מיטלען קען זיי דאָך פֿיעל ניט אַוועקגעהן, מוז איך דאָך זאָגען דאָס די גרעסטע טהייל פֿון די סומע גייט אַוועק אויף לוקסוס זאַכען, און דערפֿון קענען מיר זיך משער זיין וויפֿיעל אַרבייטער זיינען באַשעפֿטיגט אין נוטצלאָזע אַרבייט

ווי פיעל ארבייט עס גייט אין ניוועץ אונטער יעצטיגען סיסטעם.

דערצו דאַרף מען צורעכענען די אַרבייט וועלכע ווערט יעצט פֿאַרשווענדעט ווייל מיר לעבען אין אַ סיסטעם פֿון פּריוואַט אונ־טערנעהמונגען, וואָס יעדער פּריוואַט פֿאַבריקאַנט אָדער סוחר מוז אָנהאַלטען אויפֿזעהערס און בוכהאַלטערס, וואָס אַ גרויסע טהייל פֿון זיי וואָלט מען געקענט איינשפּאָרען אין אַ געזעלשאַפֿט וואו דער קהל טרייבט די פּראָדוקציאָן פֿאַר דעם געברויך פֿון די גע־זעלשאַפֿט, און ניט ווי איצטער — פֿאַר דעם פּראָפֿיט פֿון פּריוואַט אונטערנעהמער.

אַלס אַ געשעפֿטס־מאַן קענסטו זיך דאָך לייכט פֿאָרשטעלען אויף וויפֿיעל מען וואָלט געקענט פֿאַרקלענערען דעם צאָהל פֿון פּריקאַשציקעס, אין אַ געזעלשאַפֿט וואו מען זוכט ניט קיין קונדען און מען דאַרף זיי ניט איינריידען זיי זאָלען קויפֿען. וויפֿיעל מענ־שען וואָלט מען געקענט איינשפּאָרען אין אַ געזעלשאַפֿט וואו מען דאַרף ניט אַנאָנסירען, וואו מען דאַרף ניט קיין פֿערזיכערונגס גע־זעלשאַפֿטען, קיינע בײַנק, קיינע מערק, איבערהויפּט וואו מען דאַרף לחלוטין קיין קראָמען, און קיין קרעמער. וויפֿיעל הונדערט טויזענד מענשענס אַרבייט ווערט פֿאַרצערט אויף'ן בויען די קראָמען, זייער בעפּוטצונג, און אָנהאַלטונג.

אין אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט פֿאַלט דאָס אַלעס אַרונ־טער. די פֿערשיעדענע פּראָדוקטען ווערען איבער געפֿיהרט פֿון די פֿאַבריקען אין מאַגאַזינען, פֿון וועלכע עס זיינען פֿערהאַנדען אין יעדען בעצירק לויט די גרויס פֿון די בעפֿעלקערונג, די מאַגאַזינען שיקען אַריין פֿון צייט צו צייט צו יעדען איינוואָהנער אַ קאַטאַ־לאָג פֿון די פֿערשידענע אַרטיקלען, און די איינוואָינער שיקען אַריין זייערע באַשטעלונגען פּער פּאָסט. די באַשטעלטע אַרטיקלען ווע־רען אַריין געשיקט יעדען אין הויז. אויף דיזען סיסטעם קענען צוויי מענשען מיט אַ פֿערד און וואָגען פֿאַרקויפֿען אַזוי פֿיעל סחורה אין איין טאָג וויפֿיעל 50 קרעמער מיט זייערע פּריקאַשציקעס.

די קאפּיטאַליסטען פּריגאטאווען די געזעלשאפט צום סאציאַליזמוס.

(ער) אייגענטליך, וואָס פֿאַר אַ נייעס דערצעהלסטו דאָ מיר? דאָס זעלבע טהוען דאָך יעצט די גרויסע הייזער, ווי וויטלעס, פּיטער ראָבינזאָן, ספּייערס און פּאָנדס, מייפּלס און פֿיעלע אַנדערע.

(איך) איך זאָג גאָר ניט דאָס מיר סאָציאַליסטען טהוען דאָ אויף דערמיט אַ נייעס. מיר סאָציאַליסטען זיינען נאָר די לאָגישע תּלמידים פֿון די קאַפּיטאַליסטען, און ווי איך וועל דיר שפּעטער וויזען איז שוין יעצט דער גאַנצער סאָציאַליסטישער בנין אויף געבויט פֿון די קאַפּיטאַליסטען גופא, נאָר אַזוי ווי מיר האַלטען נאָך ניט ביי דיזען פונקט וועלען מיר דעם ענין אויסמיידען. איך וועל דיר נאָר אויפֿמערקזאַם מאַכען אויף דיזעס: דאָס דעם סיסטעם וועלכען די דערמאָנטע פֿירמעס האָבען נאָר טהיילווייז איינגעפֿיהרט, וועלען מיר, סאָציאַליסטען, אין גאַנצען איינפֿיהרען, און פֿיל עקאָנאָמישער, ווייל ווי פֿיל עקאָנאָמישער דער סיסטעם איז פֿון די דערמאָנטע פֿירמעס אין פֿערגלייך צו די טויזענדער קליינע קרעמערלאַך, האָבען זיי דאָך אין זיך די קאַפּיטאַליסטישע פֿערשווענדערונג: ערשטענס פֿערקויפֿען די דערמאָנטע פֿירמעס כמעט די זעלבע אַרטיקלען. ווען פֿון די אַלע פֿירמעס זאָל ווערען איין פֿירמע, דאַן וועסטו דאָך צוגעבען, אַז זעהר פֿיל ארבייט וואָלט איינגעשפּאָרט געוואָרען; אָבער אַזוי ווי יעדער פֿירמע בעזונדער איז דאָך נאָר אויסען פּראָפֿיט, מוזען זיי דאָך קאָנקורירען איינע מיט די אַנדערע פֿאַר די קונדען, און דאָס פֿעראורזאַכט, דאָס אַ חוץ זייער סאָציאַליסטישען סיסטעם פֿון אויספֿיהרען סחורות צו זייערע קונדען, מוזען זיי דאָך, גרעסטענהיילס, אָן האַלטען דעם אַלטען סיסטעם פֿון גרויסארטיג געפּוצטע קראָמען מיט טויזענדע אָנגעשטעלטע, וועלכעס פֿאַלט אַרונטער אונטער אַ סאָציאַליסטישען סיסטעם, וואו פֿאַרקויפֿען סחורה הייסט ניט זיך סטאַרען צו קריגען וואָס מעהר קויפֿער כדי צו מאַכען וואָס מעהר פּראָפֿיט, זאָנדערען פֿאַרקויפֿען סחורות אונטער אַ סאָציאַליסטישען סיסטעם הייסט: צו צושטעלען יעדען אַר-

ביימער די פראָדוקטען פון אַנדערע אַרביימער.

דיזער אַרטיגע פערשווענדערונג קומט פאַר אין אַלע צווייגען פון אינדוסטריע און קאָמערציע, צוליעב די זעלבע אורזאַכען. נעהם צום ביישפּיל די אייזענבאַנען: דו קענסט פאָהרען פון לאָנדאָן נאָך ליעדז מיט די גרייט איסטערען, גרייט נאָרטהערען, מידלאַנד און נאָרד וועסטערען. באַרעכען די אַרביימס קראַפט וואָס דאָ געהט אין ניוועטץ; דאַרף מען דען האָבען די אַלע קאָמפּאַניעס דערפאַר ווייל איין קאָמפּאַניע וואָלט ניט געקענט פיה־רען אַלע פּאַסאַזשירען?

די מעהרסטע וואַגאָנעס זיינען האַלב פול און מאַנכע אין גאַנצען ליידיג. דער זעלבער לאָקאָמאָטיף וואָלט ניט פּראָטעסטירט ווען ער וואָלט געדאַרפט שלעפּען פולע וואַגאָנעס, און אין דעם זעלבען צוג וואָלט מען געקענט איינשפּאַנען צוויי מאָל אַזוי פיעל וואַגאָנעס מיט אַ צווייטען לאָקאָמאָטיף אַלס אונטערשטיפּער.

און אַז מיר ווילען אַ קוק געבען אויף די פאַבריקען, ווי פיעלע פאַבריקאַנטען פאַבריצירען איינס און דעם זעלבען אַרטי־קעל, און די מחנות אַגענטען וועלכע לויפען אַרום זוכען קונדען, יעדערער פאַר זיין פּרינציפּאַל, איז ווירקליך זיך פאַר'ן קאָפּ זיך אָנצוכאַפּען ווי פיעל אַרביימס קראַפט עס געהט אין ניוועטץ!

יעצט ברודער'ל, ווען דו וועסט נעהמען אין אַנבעטראַכט די אַלע ציפערען און די אַלע פאַקטען וועלכע איך האָב דיר אויסגע־רעכענט וועסטו מוזען מודה זיין, דאָס פון די 19 מיליאָן אַרביימס פעהיגע מענשען, זיינען נור פערהאַנדען אַ דריטעל, וועלכע מאַ־כען די אונפערמיידליכע, קערפּערליכע און גייסט־ליכע בעוועגונגען וועלכע שאַפען און בעזאָרגען די בעדערפניסע און פערגניגען פון די מענשלי־כע געזעלשאַפט, און דאָס ווען יעדערער פון די 19 מיליאָן זאָל אַנטהייל נעהמען אין די נייטיגע אַרבייט וואָלט גענוג געווען צו אַרבייט פון 3 ביז 4 שטונדען אַ טאָג. און מיין ניט דאָס דערביי וואָלט זיך די זאַך אָבגעשטעלט.

„וואָס די מאַשינען טהוען אויף".

יעדען טאָג קומען צו נייע אַרביימס פאַרשפּאַרענדע מאַשי־

נען. איך וויל צו פיעל צייט ניט פאַרנעהמען מיט'ן אויסרעכענען די אַלע נייע ערפינדונגען אין די לעצטע 20 יאָהר זאָל איין פאַקט דערוויל גענוג זיין אַלס בעווייז וואָס די מאַשינעריי טהוט אויף:

אין קאַרנעגעס אייזען-פאַבריק פלעגען מיט עטליכע יאָהר צוריק 800 אַרבייטער אַרויסגענעבען 1200 טאָן שטאָל אַ טאָג. יעצט גיעבען 65 אַרבייטער אַרויס 1500 טאָן אַ טאָג.

פיעלע פון די נייע מאַשינען ווערען יעצט ניט בענוצט צו־ליעב פערשיעדענע אורזאַכען.

ערשטענס לוינט ניט פאַר מאַנכע קאַפּיטאַליסטען אויסגעבען גרויסע סומען געלד אויף מאַשינען, ווען מען קען קריעגען קינדער אַרבייט פאַר 6 אָדער 7 שילינג אַ וואָך. צווייטענס דאַרפסטו פערשטעהן אַלס געשעפטסמאַן דאָס ווען אַ קאַפּיטאַליסט האָט איינגעריכטעט זיין פאַבריק מיט מאַשינען מיט 20 יאָהר צוריק קען ער ניט פון דאָס נייע אויפשטעלען אַ פאַבריק מיט די נייערע מאַשינען. נור אַ נייער אָנפאַנגער קען זיך בענוטצען מיט די נייעסטע מאַשינען. און דאָס איז טאַקי די אורזאַכע וואָרום ענגלאַנד שטייט היינט ווייט צוריק אין פערגלייך צו אַמעריקאַ אין די פראָדוקציאָן פון אייזען, וויל אין פערגלייך צו ענגלאַנד איז אַמעריקאַ אַ נייער אָנפאַנגער, און עס האַלט דערביי דאָס דער יעצטיגער אייזען מאָנאָפּאָל אין אַמעריקאַ וועט פערכאַפּען דעם גאַנצען וועלט מאַרק.

וואָס איך וויל אויספיהרען איז דיעזעס: דאָס אונטער אַ סאָ־ציאַליסטישען סיסטעם וואו מען וועט ניט ווייס פון פראָפיט, וואו דער גאַנצער צוועק פון דער אַרבייט איז נור צו מאַכען דעם לעבען פון יעדען אַרבייטער גרינגער און בעקוועמער, אונטער אַזאַ סיס־טעם וועט מען ניט אויסלאָזען דאָס מינדעסטע פערבעסערונג און פערלייכטערונג פון דער אַרבייט, און אַזוי אַרום וועט די אַרבייטס צייט אימער פאַרקירצט ווערען.

א וויכטיגע פראגע און א וויכטיגער אנטווארט.

(ער) אויב עס זאָל אמת זיין דאָס מאַשינעריי מאַכט אַזעלכע ריזענשריט ווי דו שטעלסט פאָר, האָבען דאָך שוין מיליאָנען אַר־

ביטער געדאַרפֿט אַרומגעהן אָהן אַרבייט אין יעדע לאַנד, און דאָך זעהן מיר, דאָס נור אַ קליינער טהייל פֿון די אַרבייטער זיינען אַר־ביטסלאָז. וועהרענד, לויט ווי דו זאָגסט אַז מיט יעדען טאָג קו־מען צו מאַשינען האָט דאָך דער צאָהל פֿון די אַרבייטסלאָזע אויך געדאַרפֿט וואַקסען פֿון טאָג צו טאָג, און דאָך זעהען מיר דאָס היינטיגען יאָהר צום ביישפיעל זיינען דאָ ווייניגער אַרבייטסלאָזע ווי מיט אַ יאָהר צעהן צוריק.

(איך) די אורזאַכען וואָרום דער עפֿעקט פֿון די מאַשינען אויף די אַרבייטסלאָזע ווייזט זיך ניט אַרויס דייטליך און פּראָפּאָרציאָ-נעל זיינען פֿערשיעדענע:

די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן גייט ניט אָן רעגולאַר. פֿון צייט צו צייט קומען אויף נייע אַרטיקלען וועלכעס גיט צו אַר־בייט. ווידער קומען פֿאַר מלחמות, וועלכע מאַכען געוויסע קלאַ־סען אַרבייטער ביזע, די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן איז אַ מין קדחת פּראָדוקציאָן. און דאַרום זיינען די גוטע יאָהרען און די שלעכטע כּרחת'דיג. נור די הויפּט אורזאַכע וואָרום דער צאָהל פֿון די אַרבייטסלאָזע ווערט ניט גרעסער יעדען טאָג לויט ווי עס וואָלט געדאַרפֿט זיין צוליעב די פֿערמעהרונג פֿון מאַשינען איז די־זער:

שטעל זיך פֿאָר דאָס דו באַשעפֿטיגסט 100 אַרבייטער, וועל־כע אַרבייטען ביי האנד. נעקסטע וואָך שטעלסטו אריין אַ מאַשין וועלכע נעהמט צו די אַרבייט פֿון 10 אַרבייטער. נור אָנשטאָט אַוועקצושיקען די 10 מענשען פֿאַרגרעסערסטו דיין ווערק-שטעל, זאָלען מיר זאָגען דו קריעגסט צו נאָך אַ מאַגאַזין וועלבער גיט דיר אַרבייט, אַזוי אַרום בענוטיגסט דו זיך שוין אין די 10 אַרבייטער, אָבוואָהל דו האָסט דעם מאַשין. יעצט לאָמיר געהען אַ שריט ווייטער, זאָלען מיר אָנעהמען דאָס אין 6 מאָנאַט שפּע־טער נעהמסטו ווידער אַריין אַ מאַשין, וועלכע אַרבייט פֿאַר 10 מענשען, און אָנשטאָט אַוועקצושיקען די 10 מענשען פֿאַרגרעסער-סטו נאָך מעהר דיין פֿאַבריק, און דו בענייטיגסט זיך אין די 10 אַרבייטער. בינו לבינו וועט עס אויסקומען, דאָס אָבוואָהל דו האָסט

אַריינגענומען מאַשינען, וועלכע נעהמען צו מענשליכע אַרבייט דאָך בלייבען די אַרבייטער בעשעפֿטיגט.

ווען אָבער אַז דו ווערסט עררייכען אַ שטופּע ווען דו וועסט שוין מעהר ניט קענען פֿאַרגרעסערען דיין געשעפֿט, אין געגענטהייל ווען דו זאָלסט אָנפֿאַנגען אָנצואווערען קונדען, און מאַשינען וועסטו דאָך קויפֿען, דאַן ווערט זיך אָנפֿאַנגען אַרויסווייזען דער עפֿעקט פֿון די מאַשינען אויף די אַרבייטער פֿאַר די גאַנצע צייט׳ שטעל זיך פֿאַר די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע קלאַסע אַלס אַן איינצעלנער געשעפֿטסמאַן וועסטו זעהן דאָס דער משל איז גערעכטעט אויף איהם.

די מאַשינען פֿאַר די לעצטע 50 יאָהר האָבען אָהנע צווייפֿעל צוגענומען די אַרבייט פֿון צעהנדליגע מיליאָנען אַרבייטער, אַי וואַרום ווייזט זיך דאָס ניט אַרויס פּראָפּאָרציאָנעל? דער תירוץ איז ווייל דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם האָט זיך אין די לעצטע הונדערט יאָהר אונגעהייער פֿאַרגרעסערט. פֿון עטליכע לייוואנט פֿאַבריקען אין לאַנקעשער און עטליכע וואָל פֿאַבריקען אין יאָרקשער איז ענגלאַנד מיט דער צייט געוואָרען דער וועלטס-פֿאַבריק. קאַפּיטאַל איז אָבער געגאַנגען ווייטער, און האָט זיך גענומען פֿאַרשפּרייטען אין דער גאַנצער וועלט, און האָט שוין באַלד דערגרייכט די שטופּע ווען פֿערגרעסערונג און פֿאַרברייטערונג וועט זיין אונמעגליך, דאַן וועט זיך אָנפֿאַנגען דער ריכטיגער קריזיס, אויף וועלכען די סאָציאַליסטישע נביאים האָבען נביאות געזאָגט. דיעזער קריזיס וועט זיין דער גרעסטער וואָס די וועלט האָט ווען געזעהן און מיר האָפֿען אויך דער לעצטער. וואַרום און ווי אַזוי וועל איך דיר שפּעטער ערקלעהרען ווען מיר וועלען האַלטען ביי דעם ענין. יעצט מיין איך וועט זיין גרייכער ווען מיר וועלען זיך אומקעהרען צו דעם הויפּט פּונקט.

איידער מיר זיינען פֿאַרקראָכען אין די זייטיגע ענינים האָבען מיר דיסקוטירט די פֿראַגע צו דעם קאַפּיטאַליסט׳ס אַרבייט האַלט אויס די פּראָבע וועלכע מיר האָבען אָנגענומען צו מעסטען די אמת׳ע נוטצליכע אַרבייט. מיר וועלען דאָס מאַכען קורץ און שאַרף.

„אמת׳ע ארבייט ווייזט זיך ארויס“.

די בעוועגונגען וועלכע מיר האָבען אָנגענומען אַלס די אמתע אַרבייט די ווייזען זיך אַרויס אין דעם פֿאַרטיגען אַרטיקעל. זיי ריידען פֿאַר זיך אַליין, צוםביישפּיעל: אַן אייל געוואַנט, אָבוואָהל דאָס איז אַ טוידטע זאַך דאָך רעדט זי און דערציילט אונז ווער עס האָט איהר אַריינגעגעבען אמתע אַרבייט, און ווער פֿאַלשע נוטצלאָזע אַרבייט.

ערשטענס זאָגט אונז די שטיק געוואַנט דאָס מענשען האָבען געפֿיטערט שעפּסען, האָבען געשאָרען זייער וואָהל, געוואַשען די וואָהל, געפֿאַרבט, געשפּינט און געוועבט. דיעזע אַלע סאָרטען אַרבייט זעהען זיך אַרויס אין די שטיק געוואַנט. ווען איין סאָרט פֿון די אַרבייט וואָלט געפֿעהלט דאַן וואָלט די געוואַנט ניט געווען דאָס וואָס זי איז.

ווען פֿון די געוואַנט ווערט געמאַכט אַ ראָק, רעדט שוין וויעדער דער ראָק ווערטער און ווייזט דייטליך ווער עס האָט אין איהם אַריינגעטאָהן אמת׳ע אַרבייט. די אַרבייט פֿון צושניידער ווייזט זיך אַרויס אין דעם שניט, פֿון דעם מאַשינער אין די מאַשין אַרבייט, פֿון שניידער אין די נייעריי, און פֿון פּרעסער אין די פּרעסעריי. ווען איינעמס אַרבייט זאָל אויספֿעהלען וואָלט דער ראָק ניט געווען גאַנץ.

דו זעהסט אַלזאָ דאָס פֿון פּאַסטוך ביז׳ן פּרעסער ווייזען זיך די פֿערשיעדענע זאָרטען אַרבייט אין ראָק. דו דאַרפֿסט גאָר ניט זיך אָנשטרענגען דאָס צו זעהען. אָבער ווי שטאַרק דו וועסט זיך אָנשטרענגען, וואָס פֿאַר אַ מין פֿאַגרעסער גלאָז דו וועסט נעהמען, וועסטו ניט קענען דערזעהען אין ראָק אַ פּיטצעלע פֿון די אַרבייט פֿון דעם לענדלאָרד אויף וועמעס לאַנד דער שעפּס האָט זיך געפּאַשעט, פֿון דעם אייגענטהימער פֿון די שעפּסען, פֿון דעם סוחר וועלכער האָט געקויפֿט די וואָל און פֿאַרקויפֿט צו דעם פֿאַבריקאַנט, פֿון זייערע אַגענטען, זייערע אַדוואָקאַטען, זייערע באַנקירער, און זייערע פֿערזיכערונגס-געזעלשאַפֿטען, ווייז מיר, איך בעט דיר, די אַרבייט פֿון וואָל פֿאַבריקאַנט, פֿון דעם הענדלער וועלכער קויפֿט

די וואָל פֿון פֿאַבריקאַנט און פֿאַרקויפֿט עס צום קליידער פֿאַבריקאַנט, פֿון זייערע אַגענטען, אַדוואָקאַטען, באַנקירער, א. ז. וו. ווייז מיר די אַרבייט פֿון קליידער פֿאַבריקאַנט, און פֿון דעם שניידער מייסטער. אומזיסט דיין אַרבייט, ברודערל, דען ווי דו ווערסט זיך אָנשטרענגען וועסטו גאָר ניט געפֿינען.

מאקם האלט דאס די קאפיטאליסטען זיינען אדמיניסטראַטארס.

(ער) דו רעדסט אימער איינזייטיג, דו פֿערגעסט דאָס די אַרבייט פֿון די קאַפּיטאַליסטען, פֿאַבריקאַנטען, און סוחרים, איז אַזעלכע וועלכע קען זיך ניט אַרויסווייזען אין אַרטיקעל. די אַרבייט איז אַדמיניסטראַטיווע, לייטענדע. דער שניידער שטורבעט מיט'ן נאָדעל זעהן זיך די שטעך, נו טאָ וואָס איז דאָ דער וואונדער? אַדמיניסטראַטיווע אַרבייט קען מען מיט'ן אויג ניט אָנזעהן. מען קען דאָס נור בעגרייפֿען מיט'ן גערדאַנקען.

(איך) איך וואָלט ווירקליך דום געווען ווען איך זאָל פּרובירען אָבלייקענען די נייטיגקייט פֿון אַדמיניסטראַטיווע אַרבייט. און איך שטים פֿאָלקאָם איין מיט דיר דאָס אַדמיניסטראַטיווע אַרבייט ווייזט זיך ניט אַרויס אין אַרטיקעל, און דאָס מען קען עס נור בעגרייפֿען מיט'ן גערדאַנקען. איך געה נאָך אַ טריט ווייטער און זאָג, דאָס ניט נור אַדמיניסטראַטיווע אַרבייט ווייזט זיך ניט אַרויס אין אַרטיקעל, זאָנדערן פֿערשיעדענע מראָדוצירענדע אַרבייט ווייזט זיך ניט אַרויס אין אַרטיקעל, און מען מוז דאָס בעגרייפֿען מיט'ן גערדאַנקען, צוםביישפּיעל:

די אַרבייטער וועלכע האָבען איבערגעפֿיהרט די אַרטיקלען פֿון איין פּלאַטץ אויף'ן צווייטען, מיט אייזענבאַהנען און שיפֿען, זייער אַרבייט קען מען אויך ניט אָנזעהן מיט'ן אויג נור מיט'ן גערדאַנקען, פֿון דעסטוועגען איז זייער אַרבייט אַנערקענט אַזוי גוט ווי דעם וועבערס און שניידערס, ווייל אָהנע זייער אַרבייט וואָלט קיין ראָק ניט געווען. דיעזען כלל זאָלסטו אימער האָבען אין גערדאַנקען דאָס די נוצליכקייט און אוננוצליכקייט פֿון אַ געוויסע אַרבייט הייננט אָב אין דעם: צו די דאָזיגע אַרבייט

ה ע ל פֿ ט ד י ע ר ש ט ע ל ו נ ג פֿ ו ן ד ע ם אַ ר ט י ק ל.

(ער) וואַרום פֿערגעסטו אָבער דאָס ווען די קאַפּיטאַליסטען
וועלען ניט צושטעלען די פֿאַבריקען, מאַשינען, אייזענבאַהנען און
שיפֿען וועט קיין אַרטיקעל ניט זיין, הייסט דאָך, נאָך דיינע אייגע-
נע רייד, דאָס זיי העלפֿען מיט צו די ערשטעלונג פֿון אַרטיקעל.

(איך) דאָס וואָלט אמת געווען ווען די קאַפּיטאַליסטען זאָלען
זיין די מאַכערס פֿון די פֿאַבריקען, מאַשינען, אייזענבאַהנען, און
שיפֿען, דאַן וואָלט ווירקליך דער אַרטיקעל געווען אַ שותפות'די-
גער, די קאַפּיטאַליסטען געבען די מאַטעריאַלען און געצייג, די
אַרבייטער די אַרבייט, און דער אַרטיקעל געהערט צוביידען. דאָ
איז דאָך אָבער אַן אַנדער צרה, ניט נור זיינען די אַרבייטער די
מאַכערס פֿון אַרטיקעל זאָנדערן אויך די מאַכערס פֿון די פֿאַברי-
קען און מאַשינען.

(ער) אמת די אַרבייטער זיינען מאַכער פֿון די פֿאַבריקען און
מאַשינען, די קאַפּיטאַליסטען האָבען דאָך די אַרבייטער בעצאָהלט
פֿאַר זייער אַרבייט, לכן געהערען דאָך די פֿאַבריקען און מאַשינען
צו די קאַפּיטאַליסטען. און ווען זיי געבען דאָס אַריין אין געשעפֿט,
זיינען זיי גלייכע שותפים מיט די אַרבייטער.

(איך) ווי איז אָבער דער דין אַז די קאַפּיטאַליסטען האָבען די
אַרבייטער ניט בעצאָהלט פֿאַר די פֿאַבריקען און מאַשינען?

(ער) וואָצו אַזעלכע פּוסטע פֿראַגעס? דו ווייסט דאָך גאַנץ
גוט דאָס זיי האָבען יאַ געקראָגען בעצאָהלט. שפּיל זיך מיט אַר-
בייטער! געטראָפֿען די מענשען וועלכע וועלען אַרבייטען פֿאַר אומ-
זיסט. פּרוביר זיי אַראָבצורייסען אַ גילדען פֿון די שכירות ביסטו
ניט זיכער מיט'ן לעבען.

ווי אזוי די קאַפּיטאַליסטען בעצאהלען די ארבייטער.

(איך) ביז יעצט דאַכט מיר זיינען מיינע פֿראַגעס ניט געווען
קיינע פּוסטע, און די מערהסטע פֿון מיינע בעהויפּטונגען ביסטו
געצוואונגען געווען אַנצוערקענען, האָפֿענטליך וועל איך דיר אויך
איבערצייגען אין די בעהויפּטונגען דאָס די אַרבייטער האָבען ניט
געקראָגען בצאָהלט פֿאַר די פֿאַבריקען און מאַשינען.

ערקלעהר מיר איך בעט דיר וואָס הייסט בעצאָהלען פֿאַר אַ זאַך?

(ער) באַצאָהלען פֿאַר אַ זאַך הייסט: ווען איך נעהם ביי דיר אַ זאַך און גיעב דיר דערפֿאַר מיינע אַ זאַך, וואָס האָט אַ גלייכען ווערטה.

(איך) גאַנץ גוט, ווי איז אָבער דער דין, אַז איך נעהם ביי דיר אַ זאַך, און אָנשטאָט דיר צו געבען מיינע אַ זאַך פֿון דעם זעלבען ווערטה, גיעב איך דיר גאָר דיינע אַ זאַך? צום ביישפּיעל: איך נעהם ביי דיר אַ רינג און אָנשטאָט אַריינצושטעקען מיין האַנד אין מיין קעשענע און אַרויסנעהמען אַ פֿונט דיר צו בעצאָהלען, שטעק איך אַריין מיין האַנד אין דיין קעשענע, נעהם פֿון דאָרטען אַ פֿונט און באַצאָהל דיר?

(ער) הער אוים מאָרים, דו ברייננסט מיר ווירקליך אַרוים פֿון געדולד מיט דיינעווילדע איינפֿעלע, ווען האָסטו געזעהן אין דיין לעבען אַ קלאָהרער מענש זאָל טאָהן אַזאַ זאַך, מיט די אויסנאַהמע ווען איינער וויל זיך מאַכען אַ שפּאַס.

(איך) איך זעה דאָס טאָג טעגליך, מאַקס לעבען! דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם בעשטעהט אויף אַזאַ מין שפּאַס.

דו זאָגסט דאָס די קאַפּיטאַליסטען האָבען די אַרבייטער בעצאָהלט פֿאַר די מאַשינען און פֿאַבריקען; מיט וואָס האָבען זיי די אַרבייטער בעצאָהלט?

(ער) מיט שכירות.

(איך) און וואָס האָבען די אַרבייטער געקראָגען פֿאַר זייערע שכירות?

(ער) ברויט, פֿלייש, קליידער, הייזער און אַלערליי לעבענס־מיטלען.

(איך) און ווער האָט פּראָדוצירט די אויסגערעכענטע לע־בענס-מיטלען, די קאַפּיטאַליסטען?

מאַקס'ן איז געוואָרען ענג אין מוח, דאָס האָב איך דערקאָנט אָן זיינע מינעס. ער האָט איינינע מאָל געוואָלט עטוואָס זאָגען, אָבער ער האָט נור אַרויסגעשטאַמעלט אַ פּאָר ווערטער און שטיל געבליבען, קענטיג אַז ער האָט דיסקוטירט מיט זיך אַליין.

די הון און די איי.

(ער) אונזער וכוח איז ענדליך צו די פראגע וועגען די הון און די איי. מען פרעגט, וואס איז פריהער אויף דער וועלט געקו־מען א הון אדער אן איי.

זאגסטו א הון, פרעגט מען דיר ווי האט געקענט אויסגעבריט ווערען א הון אהן א איי. זאגסטו אז אן איי איז פריהער געווען, ענטווערט מען דיר, דאס עס האט געמוזט זיין א הון צו לייגען די איי.

דאס זעלבע איז מיט אונזער יעצטיגער פראגע וועגען קאפי־טאל און ארבייט. פון דיין זייט קומט אויס דאס קיין זאך האט ניט געקענט געמאכט ווערען אהן ארבייט, פון מיין זייט קומט אויס דאס קיין זאך האט ניט געקענט געמאכט ווערען אהן קאפיטאל. דו זאגסט דאס אלע רייכטהימער דארף געהערען צו די ארבייטער ווייל זיי האבען דאס פראדוצירט, קום איך צו געהן און ווייז דיר איין דאס די קאפיטאליסטען האבען אין דעם א חלק ווייל זיי האָ־בען געגעבען די נייטיגע קאפיטאלען; דארויף ענטפערסט דו דאס די קאפיטאלען זיינען אויך בעשאפען פון די ארבייטער, קום איך מיט מיין בעהויפטונג דאס די קאפיטאליסטען האבען די ארבייטער בעצאהלט מיט לעבענס-מיטלען, דארויף ענטפערסט דו ווידער דאס אויך די לעבענס-מיטלען האבען די ארבייטער פראדוצירט, אבער איך פון מיין זייט קען דאך ווייטער זאגען דאס אום צו מאַ־כען די לעבענסמיטלען האט דאך געפאדערט קאפיטאל. אזוי ארום קענען מיר זיך שפילען אין כאפענעס, מיר קענען לויפען ארום און ארום און איינער דעם אנדערען קיין מאל ניט כאפען.

(איך) איך וואונדער זיך גאר ניט דערויף וואס ביי דיר קומט אויס אונזער וכוח וועגען קאפיטאל און ארבייט עהנליך צו דעם וכוח וועגען די הון מיט די איי, ווייל פונקט אזוי ווי דיזער רעטע־נים פון די הון מיט די איי איז נור א רעזולטאט פון אונוויסענ־הייט אין בעצוג אויף די ענטוויקלונג פון אלערליי לעבעדיגע בע־שעפעניסען, אזוי איז מיט דיר, אין בעצוג אויף קאפיטאל און ארבייט, און אזוי ווי דו האסט דאס פערגליכען צו די הון און די

איי, וועל איך מאַכען דיר געבען אַ קורצע ערקלעהרונג איבער דעם, אָבוואהל דאָס האָט גאָר ניט צו טאָהן מיט אונזער ענין, דאָס וועט אָבער אַביסעלע אויסקלירען דיין געדאַנקען, און דו וועסט קענען ריכטיגער פערשטעהן אונזער וכוח וועגען קאַפּיטאַל און אַרבייט.

דער אורשפרונג פון חיות און פלאַנצונגען

דער דורכשניטליכער מענש וועלכער האָט ניט קיין ידיעה וועגען עוואָלוציאָן, ד. ה. וועגען די ענטוויקלונג פון אַלעס אויף דער וועלט, פון איינפאַכע צו פיעלפאַכע זאַכען, דיזער מענש שטעלט זיך פאָר דאָס דער אָנפאַנג פון אַלעס איז געווען עהנליך ווי זיי זיינען אין זייער יעצטיגען צושטאַנד; צום ביישפּיעל: ער שטעלט זיך פאָר דאָס אַ הון איז געקומען אין דער וועלט אויפ'ן זעלבען אופן ווי זי קומט יעצט, און דאָס זעלבע מיט אַן איי.

דער געלערענטער מענש אָבער וועלכער האָט שטודירט די עוואָלוציאָן פון חיות און פלאַנצונגען, וויים דאָס עס האט געדויערט מיליאָנען יאָהרען ביז די הון האָט זיך ענטוויקעלט צו איהר יעצטיגען צושטאַנד, דאָס זי האָט דורכגעמאַכט פערשיעדענע מדרגות, און דאָס וואָס ווייטער צוריק איז זי געווען אַלס איין איינפאַכערע בעשעפּענים, עס איז געווען אַ צייט ווען עס איז געווען ניט מעהר ווי אַ איינפאַכע שטיקעל פראָטאָפּלאָזמע אָהן גלידער, עהנליך צו אַ דזועלע פיש, און דאָס נאָך ווייטער צוריק איז זי געווען עהנליכער צו אַ פלאַנצונג, אַן ערך ווי א שוואָם וועלכע איז אַ מין טומטום, האַלב חיה, האַלב פלאַנצונג.

אַלזאָ אַ געלעהרענטער מענש וועלכער וויים דאָס אַלעס, וועט שוין ניט פרעגען וואָס איז פריהער געווען די הון אָדער די איי.

דאָס זעלבע מיין פריינד איז מיט דיר, דו זעהסט פאָר זיך דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם מיט פאַבריקען און מאַשינען. דו זעהסט ווי די קאַפּיטאַליסטען מיט זייערע קאַפּיטאַלען לאָזען בויען פאַבריקען און מאַכען מאַשינען דוכט זיך דיר עס איז אַזוי געווען פון אייביג אָן און אָבוואָהל איך האָב דיר באַוויזען דאָס איבעראַל שפּיעלט נור אַרבייט אַליין די ראָלע, דאָס אַרבייט שאַפט אַלעס, דאָך קענסטו דאָס ניט פערדייען, אָבוואָהל דו קענסט ניט אָבלייקע-

נען מיינע בעהויפטונגען, און אָבוואָהל דו מוזט צוגעבען דאָס די שליסע וועלכע איך ציה אַרויס זיינען לאָגיש, דאָך בלייבט ביי דיר אַ טומעל אין קאָפּ.

פאַר דיר איז יעצט נייטיג אַ ביסעלע היסטאָריע וועגען די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַל, און אַ גענויע ערקלעהרונג ווי אַזוי זי ציהט איהר חיונה, דאַן וועסטו קלאָהר פערשטעהן די ריכטיגקייט פון אונזער בעהויפּטונג דאָס די קאַפּיטאַליסטען זיינען קיינע שותפים צו די בעשאַפענע רייכטהימער.

מאקס און מארים געהען הערען א לעקציע.

מיר זיינען אַזוי פערטיפט געווען אין אונזער געשפּרעך דאָס מיר האָבען גאָר ניט בעמערקט ווי די זון איז אַריבער אין מעריב זייט און האָט געהאַלטען שוין ביים אונטערגעהן. פאָרטצוזעטצען אונזער געשפּרעך אין פּאַרק וואַר שוין צו שפּעט און איך וואַר שוין גוט מיעד פון ריידען. אין דעם האָב איך זיך דערמאָנט דאס פון אַבענד ועט אין אַ האַלע אין די סטרענד געהאַלטען ווערען אַ פאָרטראַג פון אַ געלערענטען סאָציאַליסט איבער די טהעמאַ „די קוועלע און אורשפּרונג פון קאַפּיטאַל“. אַזאַ טהעמאַ, האָב איך גע־טראַכט ביי זיך, איז יעצט ווי געוואונשען פאַר מאַקסען. און עס איז ביי אונז געבליבען אַריינצוגעהן אין אַ רעסטאָראַן האָבען אַבענדס ברויט און פון דאָרט געהן גלייך צו די פערזאַמלונג:

די קוועלע פון קאפּיטאל

גלייך נאָכ׳ן עסען זיינען מיר אַוועק צו די פערזאַמלונג. די האַל וואַר געפּאַקט מיט מענשען. עס וואַרען דאָרט אַנוועזענד מענשען פון פערשיעדענע פּאָליטישע ריכטונגען און פערשיעדענע סאָציאַלע מיינונגען. דער פּאָרזיצענדער האָט פּונקט 8 אוהר געעפענט די פערזאַמלונג מיט די פאָלגענדע קורצע רעדע:

„דאַמען און הערען! עס איז מיר זייער אַנגענעהם צו זיין פאָרזיצענדער ביי דיזע פערזאַמלונג. ערשטענס, ווייל איך בין אַליין זייער פעראינטערעסירט אין די פראַגע פון קאַפּיטאַל און אַרבייט, וועלכע איז יעצט די וויכטיגסטע פראַגע אין די ציוויליזירטע וועלט.

צווייטענס, האַלט איך עס פֿאַר אַ גרויסען האָנער, דאָס אַזאַ איג־טעליגענטער פובליק וועלכער איז יעצט אַנוועזענד האָט מיר אויס־געקליבען אַלס פֿאָרזיצענדען. איך בין זיבער דאָס איך וועל קיין שוועריגקייט ניט האָבען אָרדנונג צו האַלטען.

דער לעקטשורער איז גוט בעקאַנט יעדען וועלכער אינטערע־סירט זיך מיט די סאָציאַלע פֿראַגע, און זיין נאָמען איז אַ גאַראַנטי דאָס מיר וועלען אַוועקגעהן פֿון דאַנענט מיט אַ גרעסערע ידיעה אין די פֿראַגע אַלס מיר זיינען געקומען.

נאָך די לעקציע וועט פֿאָרקומען פֿראַגען, און דאַן וועלען מיר איבערגעהן צו איין אַלגעמיינע דיסקוסיאָן. יעדער רעדנער וועט קריגען צעהן מינוטען.

מאַכענדיג דיעזע איינינע באַמערקונגען, גיב איך איבער דאָס וואָרט צו אונזער ווערטהען לעקטשורער הער ב. וועלכער וועט ריי־דען איבער די טהעמאַ: „די קוועלע און אורשפּרונג פֿון קאַפּיטאַל“ (אַפּלאָדיסמענטען)

(רעדנער) הערר פֿאָרזיצענדער, דאַמען און הערען! איך בין פֿאָלקאָם איינשטימיג מיט אונזער ווערטהער פֿאָרזיצענדען, דאָס די פֿראַגע פֿון קאַפּיטאַל און אַרבייט איז די וויכטיגסטע פֿראַגע אין די ציוויליזירטע וועלט, עבען דאַרום בעדויער איך זעהר די ניט ריכטיגע מיינונגען וועלכע זאָגאַר געלעהרענטע מענשען האָבען וועגען דיעזע פֿראַגע.

וואס איז קאַפּיטאל?

דאַכט זיך ווער ווייס דאָס ניט היינטיגע צייטען וואָס קאַפּיטאַל איז?

דאָך אין דער ווירקליכקייט מיינען נור מענשען דאָס זיי ווייסען אָבער אין אמת'ן האָבען נור ווייניג מענשען אַ בעגריף וועגען קאַ־פּיטאַל, זיין קוועלע און אורשפּרונג.

ווען מיר פֿרעגען די געלעהרענטע פּאָליטישע עקאָנאָמיסטען, וואָס אַזעלבעס איז קאַפּיטאַל? אַנטוואָרטען זיי אונז: קאַפּיטאַל הייסט די טהייל רייכטהימער וועלכע ווערט באַנוצט צו פּראָדוצי־רען אַנדערע רייכטהימער ווי פֿאַבריקען, מאַשינען, לעבענסמיטלען פֿאַר אַרבייטער בעת זיי אַרבייטען א.ז.וו.

מיר סאָציאַליסטען ענטפֿערען, דאָס דיזע דעפֿיניציאָן פֿון קאַפּיטאַל איז ניט ריכטיג, ווייל פּראָדוקציאָנס מיטלען, זיינען פּראָדוקציאָנס מיטלען, אָבער וואָס מיר ווילען וויסען איז: וואָס איז קאַפּיטאַל?

ווען איך זאָל איינעם פֿרעגען וואָס איז געלד און ער וועט מיר ענטפֿערן דאָס געלד איז גאָלד און זילבער וועט דאָס ניט הייסען ריכטיג געענטפֿערט, ווייל גאָלד איז גאָלד און זילבער איז זילבער. וואָס איך וויל וויסען איז: וואָס איז געלד? טאַקי געלד איז געמאַכט פֿון גאָלד און זילבער, דאָך ווען איך וועל פֿרעגען וואָס איז אַ זייגער וועט מען מיר ענטפֿערן דאָס אַ זייגער איז אַ מעכאַניזמוס, וועלכע מעסט די צייט. און אַן עהנליכען ענטפֿער וועט מיר געבען אַ מענש, וועלכער ווייסט וואָס ער רעדט ווען איך וועל איך איהם פֿרעגען וואָס איז געלד. ער וועט מיר ענטפֿערן דאָס געלד איז די מאָס וועלכעס מעסט די ווערטה פֿון אַרטיקלען און איז דער פֿערמיטלער אין דעם אויסטויש פֿון איין אַרטיקעל אויף אַ צווייטען.

פּונקט אַזאַ ענטפֿער דאַרפֿען מיר קריגען ווען מיר פֿרעגען וואָס איז קאַפּיטאַל. עס איז ניט גענוג אונז אָנצואווייזען דאָס קאַפּיטאַל איז פּראָדוקציאָנס מיטלען. ווען פּראָדוקציאָנס מיטלען ווערען קאַפּיטאַל הייסט עס דאָס זיי פֿאַנגען אָן צו שפּיעלען אַ גאַנץ נייע ראָלע.

פּראָדוקציאָנס מיטלען זיינען אימער געווען און וועלען אימער זיין, קאַפּיטאַל אָבער איז ניט אימער געווען און וועט אויך ניט אימער זיין.

נוטץ ווערטה און אויסטויש ווערטה.

ווען אַ פֿערציייטיגער פֿעאָדאַלער באַראָן האָט געהאַט אַלס זיין אייגענטהום אַ וואַלד, העק, זעגען, אָזערעס מיט פֿיש און נעטצען, האָבען דיזע אַלע זאַכען געהאַט פֿאַר איהם נאָר אַ נ ו ט ץ - ו ו ע ר ט ה, מיט די זעגען און העק האָבען זיינע פּאַנטשיזניקעס אויסגעהאַקט האָלץ פֿון וואַלד, געבויעט כאַלופּקעס פֿאַר זיך און אַ פּאַלאַץ פֿאַר איהם. מיט די נעטצען האָבען זיי

געכאַפּט פּיש, וועלכע זיי האָבען געגעסען און די בעסטע אַוועק געגעבען פאַר'ן באַראָנס געברויך. ווי געזאָגט, דיזע זאַכען האָבען נאָר פאַר'ן באַראָן געהאַט אַ נוטץ-ווערטה אָבער ניט קיין אויסטויש ווערטה, ווייל דער אויסטויש פון פּראָדוקטען, דער וועלט מאַרק, האָט נאָך דאַמאָלס ניט עקזיסטירט.

דער היינטיגער קאַפּיטאַליסט, וועלכער בעזיצט אַזעלכע זאַכען, ער קוקט ניט אויף זייער נוטץ-ווערטה. פון זיינט וועגען מעג קיינער פון די זאַכען קיין הנאה האָבען, איהם געהט נור אָן דער פּרייז וואָס ער וועט קריגען פאַר זיי אויף'ן וועלטמאַרק. איהר זעהט אַלזאָ הער פאָרזיצענדער, דאַמען און הערען דאָס זאַכען שפּיעלען היינט אַ גאַנץ אַנדערע ראָלע.

דער פעאָדאַלער באַראָן פאַר וועמען די זאַכען האָבען געהאַט אַ נוטץ-ווערטה בלויז, דער וואַר בעפרידיגט מיט דעם נוטץ וואָס די זאַכען האָבען איהם געבראַכט, און ווען די צאָהל פון די זאַכען האָבען בעפריעדיגט זיין געברויך האָט ער קיין אינטערעסע ניט געהאַט די צאָהל פון די זאַכען צו דאָפּלען און צו פאַרלענגערן די צייט פון זיינע אַרבייטער כדי זיי זאָלען וואָס מעהר שאַפען.

דער קאַפּיטאַליסט ווערט קייז מאָל ניט זאַט

מיט דעם היינטיגען קאַפּיטאַליסט איז עס גאַנץ אַנדערש. פאַר איהם קען קיין „גענוג" ניט זיין, ווייל ער זוכט ניט אין די זאַכען „נוטץ ווערטה" פאַר איהם האָבען אַלע זאַכען נור איין אויסטויש ווערטה. איהם געהט ניט אָן די נוצליכקייט פון די זאַכען, איהם געהט נור אָן זייער פּרייז. וואָס מעהר זייער ווערטה אויפ'ן וועלט-מאַרק, דעסטאָ בעסער פאַר איהם. מיט אַנדערע ווערטער הייסט אַזוי: דער ציעל פון דעם קאַפּיטאַליסט איז דאָס זיין אייגענטהום זאָל אַזוי פערוואַלטעט ווערען אַז זי זאָל זיך האַלטען אין איין פאַרגרעסערען, פון איינס זאָל ווערען 2, 3, 4 א.ז.וו. ווען איינער בעזיצט רייכטהימער אויף אַ סומע פון 10 טויזענד פונט בענוגענט ער זיך ניט דערמיט וואָס זיי וועלען בעפרידיגען זיינע בעדערפניסע, זיין הויפּט זאָרג פאַנגט זיך דאַן אָן ווי זיין

רייכטהום צו פערוועגדען דאָס זיי זאָלען איהם ברייגגען פראָפיט, ד. ה. דאס פון 10 טויזענד זאָל ווערען 20 טויזענד. אָט דאָס, פריינדע, איז דער מיינונג פון קאַפּיטאַל.

בדרך משל וועלען מיר אָננעהמען דאָס קארטאָפעל רעפּרע־זענטירט די רייכטהום פון דער וועלט: ווען איינער זאָל האָבען 100 שעפעל קאַרטאָפעל און זיצען און עסען וואָלט די קאַרטאָפעל נור געקענט אָנגערופען ווערען רייכטהום. אָבער ווען ער זאָל די קאַרטאָפעל איינזייען מיט דעם צוועק פון די הונדערט שעפעל צו קריגען טויזענד, און די טויזענד ווידער איינזייען צו קריגען צעהן טויזענד, דאַן וואָלטען די קאַרטאָפעל געשפּילט די ראָלע פון קאַפּיטאַל.

די קוועלע פון די פערמעהרונג פון די קארטאָפעל איז די ערד וואָס איז אָבער די קוועלע פון וועלכע קאפיטאַל פערמעהרט זיך אין היינטיגען סיסטעם? (איינער פון פובליק האָט אויסגעשריען: „האַנדעל!")

פון וואנענט נעהמט זיך מעהר־ווערטה, אדער די קוועלע פון פראָפיט

(רעדנער) אין אַנטוואָרט אויף מיין פראַגע פון וועלכער קוועלע קאַפּיטאַל פערמעהרט זיך, האָט יעמאַנד פון פובליק אויסגערופען „האַנדעל".

דיזעס איז איין אירטהום, און לײדער גלויבען מעהרסטע מענשען אין דיזען אירטהום. וואָס פערשטעהען מיר אייגענטליך אונטער דעם וואָרט האַנדעל? קויפען און פערקויפען. ווען איך זאָל צום ביישפּיעל פערקויפען אויף דעם זעלבען פּרייז ווי איך קויף, וואָלט איך מיין קאַפּיטאַל פערגרעסערט? געוויס ניט! אום צו פער־גרעסערען מיין קאַפּיטאַל מוז איך פערקויפען פאַר אַ העכערען פּרייז ווי איך האָב געקויפט. הייסט דאָך דאָס: דאָס אויף אַזוי פיל וויפיעל איך געווין אַלס פערקויפער, פערלירט דאָך דער צווייטער אַלס קויפער. טאָ ווי קען עס מעגליך זיין דאָס די גאַנצע קלאַסע הענדלער זאָלען קענען פערגרעסערען זייערע קאַפּיטאַלען דורך האַנדעל?

האַנדעל איז דאָך אייגענטליך ווי אַ קאָרטען שפּיעל: 5 מענשען זעצען זיך אַוועק שפּילען אין קאָרטען, יעדער איינער האָט למשל צו 10 שילינג, סך הכל 50 שילינג. ווען 4 פון די מענשען נאָכ'ן שפּילען ציילען איבער זייער געלד און געפינען דאָס זיי האָבען געוואונען צו 2 שילינג, איז זעלבסט פערשטענדליך, דאָס דער 5-טער האָט פערלאָרען 8 שילינג, ווייל אין שפּילען איז קיין געלד ניט צו געקומען, אין אָנפאַנג שפּיל איז געוועז 50 שילינג און ביים ענדע דאָס זעלבע.

פונקט דאָס זעלבע איז מיט'ן האַנדעל. האַנדעל פּראָדוצירט דאָך קיין רייכטהום. קויפענדיג און פערקויפענדיג אַרטיקלען קומט דאָך צו זיי ניט צו קיין ווערטה. אמת די אַרטיקלען שטייגען אין פרייז דורכגעהענדיג דורך די פערשיעדענע הענדלער, אָבער זייער ווערטה בלייבט דאָך דער זעלבער ווי ווען די אַרטיקלען זיינען אַרויס פון די אַרבייטערס הענד. דער צאָהל, די קוואָנטיטעט פון די אַרטיקלען ווערט דאָך ניט גרעסער.

אין מיין לעקטשור געסטערן אָבענד האָב איך ערקלעהרט און בעוויזען, דאָס די מאָס פון דעם ווערטה פון אַ געוויסען אַרטיקעל, איז די קוואָנטיטעט אַרבייט וואָס געפינט זיך אין דעם אַרטיקעל. נון ווֶעלען מיר אָננעהמען, דאָס אַם אָנפאַנג פון יאָהר 1890 איז פּראָדוצירט געוואָרען אין ענגלאַנד סחורות וועלכע האָבען ענטהאַלטען אַ ווערטה פון 10 טויזענד מיליאָן שטונדען אַרבייט. מיט דיזע אַרטיקלען האָט די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסע גענומען האַנדלען. מען האָט געקויפט און פערקויפט, און יעדער קאַפּיטאַליסט האָט געמאַכט פּראָפיט, האָט פערגרעסערט זיין קאַפּיטאַל. דאָך, פרעג איך אייך, דאַמען און העררען, איז דען דורכ'ן יאָהר האַנדלען צו געקומען צו דעם ווערטה פון די רייכטהימער? אָנפאַנג יאָהר האָט עס בעטראָפען 10 מיליאָן שטונדען אַרבייט און אַם ענדע יאָהר דאָס זעלבע, טאָ בלייבט דאָך די פראַגע פון וואַנענט האָבען די קאַפּיטאַליכטען געכאַכט פּראָפיט? דאָס זיי האָבען געמאַכט פּראָפיט, דאָס זייערע קאַפּיטאַלען האָבען זיך פערגרעסערט, דאָס קען מען דאָך ניט אָבלייקענען, דאָס בעווייזט

דאָך דער פֿאַקט דאָס זיי האָבען געלעבט דעם גאַנצען יאָהר ד.ה. זיי האָבען פֿערצעהרט ווערטהפֿאָלע אַרטיקלען און זייערע קאַפּי־טאַלען האָבען זיי ניט אויפֿגעגעסען. פֿערקעהרט, זיי האָבען ענדע יאָהר מעהר נאָך ווי אָנפֿאַנג יאָהר.

איך האָב אייך בעוויזען דאָס האַנדעל איז פּונקט ווי אַ קאָר־טען שפּיל, דאָס ווען איינער געווינט מוז אַ צווייטער פֿערלירען, אַלע קענען ניט געווינען, ווייל ווי געזאגט אין שפּילען קומט קיין געלד ניט צו. דאָס זעלבע מיט'ן האנדעל. אין האַנדעל אָדער דורכ'ן האנדעל, קומט קיין ווערטה ניט צו. טאָ פֿרעג איך אייך ווי איז עס מעגליך דאָס די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע קלאַסע מאַכט פּראָפֿיט? יעדער רעכט־דענקענדער מענש מוז דאָך צוגעבען דאָס אירגענד ווער אין דער געזעלשאַפֿט מוז זיין דער פֿערשפּילער.

ווער איז דער פערשפּילער?

אָט דיזען פֿערשפּילער מוזען מיר אויפֿזוכען, ווייל ער מוז זיין אַ זאָנדערבאַרע בעשעפֿניס. ער מוז זיין אַזאַ מין בעשעפֿנים וועל־כער האַלט אין איין פֿערשפּילען, און דאָך לידיגט זיך ביי איהם קיין מאָל די קעשענע ניט אויס, דען ווען ער זאָל ניט האָבען דיזע צוויי אייגענשאַפֿטען, טאָ פֿון וואַנענט וואָלט די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסע גענומען איהר שטענדיגע געווינס?

דער זעלבער ענין ווידערהאלט כּדי איהם צו מאכען פערשטענדליכער.

ווערטהע דאמען און הערען! אָבוואָהל מיין ערקלעהרונג איז דייטליך און איינפֿאַך, דאָך האָב איך מורא דאָס מאַנכע וועלען דאָס ניט אַזוי לייכט פֿאַרדייען, ווייל זייערע מאָגענס זיינען פֿול מיט פֿאַסירונגען פֿון אַלטעגליכען לעבען, אין וועלכען עס קומט פֿאָר, דאָס איין הענדלער געהט אַרויף, אַ צווייטער געהט אַרונטער און אַזוי דרעהט זיך דער רעדעל. דיזע פֿאַסירונגען אין האַנדעל קען מאַכען דיינקען מאַנכע פֿון אייך, דאָס די קאַפּיטאַליסטישע געווינסען קומט פֿון די קאַפּיטאַליסטישע פֿערלוסטען, דאַרום וויל איך אייך אויפֿמערקזאַם מאַכען אויף דיזען פּונקט, דאָס אָבוואָהל עס טרעפֿט דאָס מאַנכע קאַפּיטאַליסטען ווערען אָן געלד אין האַנ־

דעל, דאָך בלייבט דער פאַקט, דאָס די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסע זי לעבט דאָך, געניסט דאָך, און ווערט רייכער. אונז קימערט ניט גע פון וואַנענט איינצעלנע קאַפּיטאַליסטען ווערען רייך. מיר ריידען פון די גאַנצע קלאַסע. גערדיינקט דאָס מיין טהעמאַ איז ניט, ווי און וואַרום דער אָדער יענער סוחר ווערט רייך, מיין טהעמאַ איז „די קוועלע פון קאַפּיטאַל גופא" און אַזוי ווי איינער פון פובליק האָט געזאָגט דאָס די קוועלע פון קאַפּיטאַל איז „האַנ-דעל" און לײדער דיינקען פיעלע אַזוי, דאַרום האָב איך זיך בעמיהט אייך צו בעווייזען דאָס האַנדעל איז ניט אַ זאַך וואָס פראָדוצירט ווערטהפאָלע זאַכען, דאָס עס איז ניט מעהר ווי אַ קאָרטען שפּיל, דאָס מאַנכע קענען נאָר געווינען דאַן ווען אַנדערע פערשפּילען און אַזוי ווי מיר זעהען דאָס די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסע מיט איהר קאָרטען שפּיעל וועלכע זי רופט קאָמערציע האַלט אין איין געווי-נען, מוזען מיר קומען צו דעם לאָגישען שלוס, דאָס אין דער גע-זעלשאַפט מוז זיך געפינען אַ קלאַסע מענשען, וועלכע ערשטענס האַלטען אין איין פערשפּילען, און צווייטענס שעפּט זיך ביי זיי ניט אויס ווערטהפאָלע זאַכען.

אום אויסצוגעפינען ווער דיזער פערשפּילער איז וועלען מיר גענוי עקזאַמינירען ווי דער מסחר אין די קאַפּיטאַליסטישע וועלט געהט צו.

יעדער מענש אין דער געזעלשאַפט קויפט און פערקויפט, דער גרונד בעזיטצער פערקויפט די נוטצען פון זיין לאַנד. דער באַנקירער פערקויפט די נוטצען פון זיין געלד. דער אַרבייטער פערקויפט זיין אַרבייטס קראַפט, דער פאַבריקאַנט פערקויפט דעם קרעמער דעם פאַרטיגען אַרטיקעל, דער קרעמער פערקויפט דעם אַרטיקעל צו דעם קאָסטימער.

פערקויפען אַן אַרטיקעל מיט אַ פּראָפיט הייסט צו קריגען מעהר וויפיעל עס האָט זיך אַליין געקאָסט.

אַ קרעמער האָט מיר פערקויפט אַ ראָק פאַר /30 און האָט דערביי געמאַכט אַ פּראָפיט, הייסט עס דאָס איהם האָט דאָס גע-קאָסט װייניגער ווי /30 זאָלען מיר אַננעהמען דאָס איהם האָט דער

ראָק געקאָסט /25 ער האָט אַלזאָ אַ פּראָפֿיט, אַ מעהר ווערטה פֿון /5. דיעזע /5 איז אַן אָנווייזונג אויף ווערטהפֿאָלע זאַכען וועלכע ער האָט צו קריעגען פֿון די געזעלשאַפֿט. דער קרעמער האָט דעם ראָק געקויפֿט פֿון פֿאַבריקאַנט, דער פֿאַבריקאַנט וועלכער האָט פֿערקויפֿט דעם ראָק פֿאַר 25 שיל., האָט אויך געוויס געמאַכט אַ פּראָפֿיט פֿון 5 שיל., ד.ה. ער האָט געקראָגען אַן אָנווייזונג אויף אַ געוויסע קוואָנטיטעט ווערטהפֿאָלע זאַכען. דער באַנקירער האָט געליהען טויזענד פֿונט און האָט צוריק געקראָגען טויזענד מיט 50 פֿ. אַן אָנווייזונג אויף ווערטהפֿאָלע זאַכען. דער גרונדבעזיצער קריעגט פֿאַר די נוצען פֿון זיין לאַנד מעהר וויפֿיעל איהם האָט געקאָסט. דערווירטה פֿון אַ הויז קריעגט אין דירה-געלד אין פֿערלויף פֿון די צייט וואָס די הויז שטעהט, מעהר וויפֿיעל עס האָט איהם געקאָסט די הויז אויסצובויען און איהר האַלטען אין אַ גוטען בעשטאַנד. אַלזאָ דיעזע אַלע אויסגערעכענטע פּערזאָנען האַנדלען און מאַכען פּראָפֿיט, אין אַנדערע ווערטער הייסט עס דאָס זיי האָבען געשפּיעלט אין קאָרטען, און האָבען געוואונען, טאָ ווער האָט דאָך פֿערלאָרען?

אלע פערקויפען מיט פראפיט, ווי מכח דעם ארבייטער?

מיר האָבען געזעהן ווי עס איז צו געגאַנגען דער האַנדעל פֿון לענדלאָרד, באַנקיר, פֿאַבריקאַנט און סוחר. זאָלען מיר נאָר אַ קוק טהון ווי שפּיעלט דער אַרבייטער, ווי האַנדעלט ער? האַנדעלט ער אויך אויף דעם זעלבען פּלאַן ווי די איבעריגע. דער אַרבייטער פֿערקויפֿט זיין אַרבייטס-קראַפֿט פֿון צעהן שטונדען: ד.ה. אין דיעזע צעהן שטונדען שאַפֿט ער ווערטהפֿאָלע זאַכען, וויפֿיעל קריגט ער פֿאַר דיעזע ווערטהפֿאָלע זאַכען וועלכע ער האָט געשאַפֿען אין די צעהן שטונדען? פֿערקויפֿט ער זיין אַרטיקעל מיט אַ פּראָפֿיט? ד.ה. קריעגט ער פֿאַר די צעהן שטונדען אַרבייט אַ סומע געלד מיט וועלכע ער וועט קענען קויפֿען ווערטהפֿאָלע זאַכען וועלכע האָבען דעם ווערטה 12 שטונדען? ביי דיעזע פֿראַגע בלייבען מיר שטיין, און ווייסען ניט וואָס צו זאָגען.

א קלאָץ קשיה, צו וועלכע מען מוז גוט צולייגען די קאָפּ.

ווען מיר זאָלען זאָגען, דאָס דער אַרבייטער האָט זיין סחורה פערקויפט אויף דעם זעלבען פלאַן ווי דער פאַבריקאַנט, סוחר, א. ז. וו. ד. ה. דאָס פאַר זיינע ווערטהפאָלע זאַכען האָט ער געקראָגען אַ מעהר ווערטה, אַ פּראָפּיט, אַן אָנווייזונג אויף פּראָדוקטען, טאָ בלייבט דאָך אַ קשיה, וואו וועט די געזעלשאַפט נעמען איהם צו געבען דעם מעהר ווערטה? ווי באַלד אַז די אַרבייטער אין ענגלאַנד אַרבייטענדיג 10 שטונדען פער טאָג האָבען געאַרבייט 10 ביליאָן שטונדען דורכ'ן יאָהר און האָבען בעשאַפען סחורות, וועלכע האָבען נאָר דעם ווערטה פון 10 ביליאָן שטונדען אַרבייט, ווען זיי זאָלען קריגען אַלס שכירות אַן אָנווייזונג אויף סחורות וועלכע האָבען דעם ווערט פון 12 ביליאָן שטונדען, 2 ביליאָן פּראָפיט, איז דאָך די קשיה וואו וועט די געזעלשאַפט נעמען די 2 ביליאָן שטונדען סחורות? פון הימעל פאַלען דאָך קיין סחורות ניט אַרונטער, און אַנדערע קלאַסען אין דער געזעלשאַפט פּראָדוצירען ניט קיינע ווערטהפאָלע זאַכען; מאַנכע קלאַסען טוהען לחלוטין גאָר ניט און די יעניגע וועלכע נעמען אַנטהייל אין קאָמערציע די שאַפען ניט, ווי איך האָב אייך שוין באַוויזען, זיי האַנדלען גאָר מיט געשאַפענע אַרטיקלען, אָבער אין האַנדעל פאַרמעהרען זיך דאָך ניט די אַרטיקלען, דורך ווי פיעל סוחרים'ס הענד אַ ראָק זאָל ניט דורך גיין וועט פון אהם ניט ווערען צוויי רעק.

מיר מוזען אַלזאָ קומען צו דעם בעשלוס, דאָס די אַרבייטער קלאַסע קען אין דיזען קאָרטען שפּיעל ניט געווינען. דאָס העכסטע וואָס זי קען געווינען איז קרן. דעם העכסטען פּרייז וואָס די אַרבייטער קלאַסע קען קריגען פאַר איהר אַרבייטס קראַפט איז פּראָדוקטען וועלכע האָבען דעם ווערטה נאָר פון 10 ביליאָן שטונדען אַרבייט, ד. ה. זי קען פאַרצעהרען אַזוי פיעל ווי זי פּראָדוצירט.

אַלזאָ דאַמען און הערען! פון דעם ערשטען טריט וואָס מיר האָבען געמאַכט אין דיזע אונטערזוכונג, האָבען מיר נור אַזוי פיעל פּאָזיטיווען אויסגעפונען דאָס דער אַרבייטער איז ניט גלייך מיט'ן פאַבריקאַנט, סוחר, לענדלאָרד און באַנקיר, דאָס זיין סחורה —

אַרבייטס קראַפֿט, ווערט אַנדערש בעהאַנדעלט ווי געוויינליכע סחורות. יעצט ווילען מיר געהען אַ טריט ווייטער, און פּרובירען אויסגעפֿינען עטוואָס פּאָזיטיוועס וועגען דעם פּרייז וואָס ער קריעגט יאָ פֿאַר זיין סחורה, ווייל ביז יעצט ווייסען מיר נור וואָס ער קריעגט ניט.

שטייט דעם ארבייטער׳ס לוין אבצוקויפען אלעס וואס ער האט פּראדוצירט?

מיר האָבען געזעהן דאָס העכסטע וואָס דער אַרבייטער קען קריעגען איז קרן, נו קריעגט ער קרן? קריעגט ער אין שכירות אַזוי פֿיעל דאָס ער זאָל קענען צוריק קויפֿען אַלעס וואָס ער האָט פּראָדוצירט? (דיזע פֿראגע האָט אַרויס גערופֿען אַפּלאָדיסמענטען און געלעכטער פֿון מאַנכע פּערזאָנען) איך דערקען פֿון אייער געלעכטער און אַפּלאָדיסמענטען, דאָס איהר פֿאַנגט אָן צו זעהען דעם ציעל צו וועלכען איך שטרעב אין מיין לעקטשור, איהר פֿאַנגט אָן צו טרעפֿען דעם רעטעניש, איהר פֿאַנגט אָן צו זעהען פֿון דער ווייטענס דעם אונגליקליכען שפּילער וועלכע האַלט אין איין פֿאַרשפּילען.

איך האָב אייך געשטעלט אַ פֿראַגע צו די ארבייטער קלאַסע קריגט אַזאַ לוין מיט וועלכען זי זאָל קענען אָבקויפֿען אַלעס וואָס זי האָט פּראָדוצירט, און איהר האָט אָנגעפֿאַנגען לאַכען, דאָס בעווייזט ווי לעכערליך עס איז אַזאַ פֿראַגע צו שטעלען וואַרום ווען די אַרבייטער קלאַסע זאָל קענען צוריק קויפֿען אַלעס וואָס זי פּראָדוצירט, טאָ וואָס וואָלט געוואָרען פֿון לענדלאָרד, באַנקיר, פֿאַבריקאַנט, סוחר און זייערע אָנהייננגער? ווען פֿון די 5 פּערזאָן וועלכע האָבען זיך געזעצט שפּילען אין קאָרטען, וואָלט איינער ניט אָנגעוואָרען 8 שיל. ווען ער וואָלט ארויס מיט קרן, וואָלטען דאָך די אַנדערע 4 ניט געקענט געווינען צו 2 שילינג?

ווען די אַרבייטער וואָלטען געקראָגען אַלעס וואָס זיי שאַפֿען וואָלטען דאָך די קאַפּיטאַליסטען אויסגעגאַנגען פֿון הונגער! אמת זיי האָבען אָנווייזונגען אויף ווערטפֿאָלע זאַכען אָבער וואָס טויג אַ אָנווייזונג ווען אין קאַסע איז קיין געלד ניטאָ?

דער רעטעניש אויפגעלייזט.

ביז יעצט האָבען מיר גערעדט מיט דעם „ווען" און „וואָלט",

ווען עס וואָלט געווען אַ זוי און אַזוי, וואָלט דער רעזול-טאַט געווען אַזוי און אַזוי, ווי איז עס אָבער אין דער ווירקליכקייט ?

אין דער ווירקליכקייט, פֿריינדע, ווייסט איהר דאָך גאַנץ גוט, דאָס די קאַפּיטאַליסטען שטאַרבען ניט פֿון הונגער, דאָס מיט זייערע אָנווייזונגען קריעגען זיי יאָ פֿון דער געזעלשאַפֿט אַלעס וואָס זיי פֿערלאַנגען, דאָס ניט נאָר זיי פֿערלעבען יעהרליך אַן ערך פֿון אַ זיבען אָדער אַכט הונדערט מיליאָן פֿונט, זאָנדערען זיי שפּאָרען נאָך פֿון זייערע פּראָפֿיטען אַ 200 מיליאָן פֿונט, ד. ה. זייערע קאַ-פּיטאַלען פֿערגרעסערען זיך, טאָ פֿון וואַנען נעהמט זיך דאָס אַלעס ?

דער איינציגער אַנטוואָרט דערצו איז, פֿריינדע: דאָס די אַרבייטער קלאַסע, ניט נאָר זי געווינט ניט, ניט נאָר זי געהט ניט אַרויס מיט קרן, זאָנדערען זי האַלט אין איין פֿערשפּיע-לען. (אַפּלאָדיסמענטען.)

די אַרבייטער קלאַסע קריעגט נאָר אַ קליינע טהייל פֿון איהרע געשאַפֿענע פּראָדוקטען. פֿון דעם גרעסטען טהייל ווערט זי בע-רויבט, און די גרויס פֿון דעם טהייל פֿון וועלכען זי ווערט בערויבט איז די זעלבע ווי די גרויס פֿון דעם טהייל, וועלכעס קאַפּיטאַל נעהמט צו.

מיר קומען אַלזאָ צו דעם לאָגישען שלוס: דאָס די קוועלע פֿון קאַפּיטאַל איז אונבעצאָהלטע אַרבייט. (גרויסע אַפּלאָדיסמענטען.)

דער אורשפּרונג פֿון קאַפּיטאַל.

(רעדנער) פֿריינדע! מיט די גרעסטע און שווערסטע טהייל פֿון מיין פֿאָרטראַג בין איך צו ענדע. איך האָב אייך ערקלעהרט די קוועלע פֿון קאַפּיטאַל. יעצט בלייבט מיר איבער צו רעדען וועגען דעם אורשפּרונג פֿון קאַפּיטאַל. און דיזער טהייל איז פֿילייכט נאָך וויכטיגער ווי דער ערשטער, ווייל די מעהרסטע מענשען לעבען אין טעות אין בעצוג צו דיזען פּונקט.

דאָס קאַפּיטאַל האָט געמוזט האָבען אַן אָנפֿאַנג וועט איהר

אַלע צוגעבען, ווייל ווי מיר האָבען שוין פֿאָרהער געזעהען איז געווען אַ צייט ווען קאַפּיטאַל האָט ניט עקסיסטירט. וואָס איהר זייט מיט מיר פֿילייכט ניט איינפֿערשטאַנדען פֿאָרלויפֿיג, איז ווע־גען דעם געבורט פֿון קאַפּיטאַל.

דער דורכשניטליכער מענש שטעלט זיך פֿאָר דעם אָנפֿאַנג פֿון קאַפּיטאַל אונגעפֿעהר אַזוי:

„געוויסע אַרבייטער, וועלכע זיינען געווען אָרענדטליכער, פֿע־היגער, אין שפּאַרזאַמער ווי אַנדערע אַרבייטער, האָבען נאָך פֿיעלע יאָהרען שווערע אַרבייט זיך ערוואָרבען אַ שטיקעל פֿערמעגען, און זיי האָבען אָנגעפֿאַנגען האַנדלען פֿיר זיך. גאָט האָט זיי מצליח געווען און זיי זיינען געוואָרען רייך, און אַזוי פֿיהרט זיך עס עד היום הזה”. (איינער פֿון פּובליק: חאַ־חאַ־חאַ!)

(רעדנער) אַ פֿריינד לאַכט, איך לאַך אויך דערפֿון מאַנכעס מאָל, אָבער מיט קאַלטע ציינער, ווייל מיין האַרץ ווערט אין מיר צושפּרונגען איבער די אונוויסענהייט פֿון דעם אַלגעמיינעם פּובליק און איבער די צבוע'צסטוואָ פֿון די געלעהרנטע, וועלכע ווייסען דעם אמת, און אַנשטאָט דאָס פֿאָלק אויפֿצוקלעהרען, וויקלען זיי נאָך איין דיעזע דומהייט אין אַ כלומרשט וויסענשאַפֿטליכען מענטעלע. זיי פֿערטייטשען קאַפּיטאַל „די לאָהן פֿאַר שפּאַרזאַמקייט... (גרויסער געלעכטער)

אום צו געבען אייך אַן אויספֿיהרליכע היסטאָריע איבער די ענטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַל, וועט פֿערנעהמען צופֿיעל צייט. איך וואָלט אייך געראַטהען צו לעזען די לעצטע אַכט קאַפּיטלען פֿון קאַרל מאַרקס'עס בוך „ד אָ ס ק אַ פּ י ט אַ ל”.

מיר וועלען זיך מוזען בענוגענען דיעזען אָבענד מיט אַ קורצען איבערבליק. און דיעזער איבערבליק וועט זיין בעגרענעצט נור אויף ענגלאַנד, ווייל אין אַנדערע לענדער איז די ענטוויקלונג צוגעגאַנגען אין פֿערשיעדענע צייטען, און אויף פֿערשיעדענע אופנים. אַחוץ דעם ווערט ענגלאַנד גערעכענט אַלס די קלאַסישע לאַנד פֿון קאַפּיטאַל.

דער יחוס פֿון קאַפּיטאַל.

דער 15־טער יאָהר־הונדערט ווערט גערעכענט אין די היסטאָרי

אַלס די גאָלדענע צייט פֿון ענגלישען פֿאָלק. דער פֿעאָדאַלער סיס־טעם וואַר אָבגעשאַפֿט, און די גרעסטע טהייל פֿון דאָס פֿאָלק איז בעשטאַנען פֿון קליינע זעלבסטשטענדיגע בויערן, וועלכע האָבען גאַערבייט און געלעבט צאָהלענדיג דעם לאָרד אַ קליינעם רענט פֿאַר די 4 אַקער לאַנד וואָס יעדערער האָט פֿערמאָגט. אַחוץ די 4 אַקער האָט יעדער קליין פֿאַרמער אָדער בויער געהאַט דאָס רעכט צו פֿיטערן זיינע בהמות אויף די געמיינשאַפֿטליכע לאַנד, וועלכע האָט אַרומגענומען אַ גרויסען טהייל פֿון ענגלאַנד.

די שטאָטיגע בעפֿעלקערונג איז בעשטאַנען פֿון זעלבסטשטענדיגע בעלי מלאכות, וועלכע האָבען געאַרבייט פֿאַר'ן היימישען מאַרק. די כצעכען אָדער גילדעס, צו וועלכע די שטאָטיגע בעלי מלאכות האָבען בעלאַנגט, פֿלעגען רעגולירען די אַרבייט, אַזוי אַז עס זאָלען ניט קענען אויסוואַקסען גאַנץ גרויסע מייסטערס, יעדען מייסטער וואַר ערלויבט צו האַלטען נאָר אַ געוויסע צאָהל געזעלען, און די געזעלען ווען זיי זיינען געווען פֿאָלקאָמענע בעלי מלאכות פֿלעגען ווידער ווע־רען מייסטערלעך פֿיר זיך.

אַזוי האָט זיך געלעבט די גרעסטע טהייל פֿון ענגלישען פֿאָלק, ניט אָרעם ניט רייך, די דריי „ביתן" — ווי אַ דאַמאָלסדיגער שריי־בער דריקט זיך אויס — ברויט, ביף (פֿלייש) און ביר האָט קיי־נעם ניט געפֿעהלט. דאָס איז געווען ענגלאַנדס צושטאַנד אין 15-טען יאָהר-הונדערט. אין דעם 16 יאָהר הונדערט איז געוואָרען אַ גאַנ־צע איבערקערעניש.

א נייער גייסט. אנשטאט עולם הבא נעהמט מען זיך צום געלד מאכען.

די פראָטעסטאַנטישע רעפֿאָרמאַציע האָט אויפֿגעוועקט איירָאָפּאַ פֿון איהר טויזענדיעהריגען שלאָף אין וועלכען די קאַטוילישע קיר־כע האָט איהר פֿערשלעפֿערט. אָנשטאָט דעם קאַטוילישען אידעאַל פֿון אָבזאָגען זיך פֿון עולם הזה, און זיך פֿערשליעסען אין אַ קלויי־סטער, האָט זיך ערוועקט אין איירָאָפּאַ דער עולם הזה גייסט, דער לוסט צו רייכטהום און עראָבערונג. די ענטדעקונג פֿון אַמעריקאַ, די ערפֿינדונג פֿון קאָמפּאַס וועלכעס האָט מעגליך געמאַכט וויוטע

ים רייזעס, דער אויסגעפינען אַ וואַסער וועג נאָך אינדיען, און פאָלגליך די עראָבערונג פון אינדיען האָט אַ שטאַרקען שטויס פאָרווערטס געגעבען דעם האַנדעל. די אַדעליגע וועמעס עלטערען אין די פריהערדיגע יאָהר־הונדערטע פלעגען זיך אָבגעבען מיט מלחמות און ליעבעס אינטריגען, האָבען זיך אַ נעהם געטהון צום געלד מאַכען. די דירה-געלד וואָס זיי פלעגען קריעגען פון די קליינע פאַרמערס איז געוואָרען פאַר זיי ווייניג.

אַחוץ דעם וואָס מען האָט זיך אַ נעהם געטהון צו אינדיע און מען האָט פשוט געראַבעוועט רעכטס און לינקס, און געבראַכט די געראַבירטע רייכטהימער אין ענגלאַנד, האָט מען זיך גענומען צו אינדוסטריע.

שעפסען שלינגען איין מענשען.

דער הויפט קאָמערציעלער אַרטיקעל איז דאַמאָלס געווען טוך־געוואַנט. אָבער אום צו מאַכען טוך דאַרף מען דאָך האָבען וואָל און פאָלגליך פיעלע שעפסען, שעפסען פאָדערען גרויסע שטרעקעס לאַנד זיך צו פיטערן, און ווי געזאָגט וואַר די גרעסטע טייל פון די לאַנד אין די הענד פון קליינע פאַרמערס.

געלד־זוכט פרעגט קיין קשיות נים, געלד־זוכט שטעלט זיך ניט אָב איבער שוויריגקייטען.

אָבוואָהל לויט דעם אַלטען פעאָדאַלען געזעץ וואַר דער לאָרד נים דער אייגענטהימער פון דעם לאַנד, ער וואַר נאָר אַ מין גובער-נאַטאָר, וועלכער האָט געהאַט צו בעפעהלען איבער די לאַנד און מענשען, אָבער געהערען האָט די לאַנד געהערט צו אַלעמען גע־מיינשאַפטליך. וועגען דיעזען געזעטץ האָט מען זיך געמאַכט גע'-פגר'ט, און מען האָט פראָסט געהייסען די בויערן מוחל זיין. און פון די לאַנד פון וועלכע מענשען האָבען זיך פריהער מפרנס גע-ווען, האָט מען געמאַכט גרויסע לאָנקעס פאַר שעפסען.

טהאָמאַס מור, איין אוטאָפישער סאָציאַליסט, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צייט, דריקט זיך אויס בזה הלשון: „אייערע שעפסען, וועלכע זיינען געווען אַמאָל אַזוי שטיל און אונשעדליך, ועלכע פלעגען אַזוי ווייניג עסען, זיינען געוואָרען אַזוי ווילד און אַ-

זעלכע פּרעסערס, אַז זיי האָבען איינגעשלונגען טויזענדע מענשען".
די הייזער אין וועלכע די בויערס האָבען געלעבט האָט מען אַרונ־טערגעוואָרפען און הונדערטע טויזענדע מענשען זיינען געבליבען אָהן לעבענסמיטלען.

די צייט ערלויבט מיר ניט אייך פּאַרצולעזען מעהרערע ביי־שפּיעלע וועלכע מאַרקס גיט אונז פון דיעזע לאַנד רויבעריי, איין ביישפּיעל וועל איך דאָ איבערגעבען.

פון פייער אין וואסער.

אויף די לאַנד וואָס האָט געהערט צו די דיוצעס אף סודער־לאַנד און סקאָטלאַנד, האָבען געוואָהנט 15,000 נפשות. דיעזע אַלע וואַרען דורך ענגלישע סאָלדאַטען אַראָפּגעטריעבען פון זייער לאַנד, זייערע הייזער פּערברענט, און אין די שרפה איז אויך פּערברענט געוואָרען איין אַלטע פּרוי וועלכע האָט ניט געוואָלט פּערלאָזען איהר היים. אויף דעם אָרט וואו די 15,000 מענשען האָט מען אַרויפגעלאָזען 131 טויזענד שעפּסען, ווערענד די מענשען האָ־בען זיך בעזעצט ביים ברעג ים און האָבען זיך ערנעהרט מיט פּיש.

חברה ראבעווען רעכטס אונד לינכס.

אַחוץ דעם האָבען דיעזע היישעריקען צוגענומען מיליאָנען אַקער פון געמיינשאַפּטליכע לאַנד, ד. ה. אַ זעלכע לאַנד וואָס האָט קיין מאָל ניט געהערט צו קיין לאָרד, נאָר פון אימער אָן וואַר עס קהלשע לאַנד אויף וועלכע יעדער דאָרפסמאַן האָט געהאַט אַ רעכט צו פּיטערען זיינע בהמות. די גנבה פון געמיינשאַפּטליכע לאַנד געהט נאָך אָן ביז היינטיגען טאָג, נור יעצט קומט דאָס שוין ניט אַזוי לייכט אָן. מיט עטליכע טעג צוריק איז פּאָרגעקומען אַ פּראָ־צעס אין געריכט צווישען אַ קאָמפּאַניע וועלכע האָט פּערצאַמט אַ גרויסע שטיק געמיינשאַפּטליכע לאַנד ניט ווייט פון לאָנדאָן און עטליכע צעהנדלינג בירגער וועלכע האָבען דעם צאַם אַרונטער־געריסען. די קאָמפּאַניע האָט געפאָדערט שאַדענערזאַטץ אויף 35 פונט וואָס דער צאַם האָט זיי געקאָסט. די קאָמפּאַניע האָט פּער־שפּיעלט. מיט אַ פּאָאָר הונדערט יאָהר צוריק האָבען זיך ניט גע־פונען מענשען וועלכע זאָלען צוברעכען דעם צאַם.

אַלס אַ צוגאב האָבען זיי פאַר חצי חינם אָבגעקויפט די קאָנפיסצירטע לאַנד פון די קאַטוילישע קירכע, אַזוי אַרום איז די גאַנצע לאַנד פאַרכאַפט געוואָרען פון אַ הייפעלע מענשען. און אַנ־שטאָט וואָס די לאַנד איז פריהער געווען אַ קוועלע פון לעבענס־מיטעל — אַ נוטץ-ווערטהע איז זי געוואָרען קאַפּיטאַל, אַ מיטעל פאַר פראָפיט און אויסטוישווערטהע, איינפאַכער גערעדט —איין אויסבייטונגס-מיטעל.

די קאַפּיטאַליסטישע דריי־איינינקייט.

(רעדנער) ווען מיר ריידען וועגען דעם אורשפרונג פון קאַפּי־טאַל, דאַרפען מיר אין זינן האָבען דאָס מיר האָבען צו טהון מיט דרייערליי קאַפּיטאַליסטען: לאַנד קאַפּיטאַליסטען, אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטען, און פינאַנציעלע קאַפּיטאַליסטען.

איך האָב אייך זעהר בקיצור אָנגעצייגט דעם אורשפרונג פון לאַנד קאַפּיטאַליסט. איך וועל יעצט דאָס זעלבע טהון מיט די אי־בעריגע צוויי.

מען זאָגט אַ שפּריכוואָרט דאָס גאָט שיקט צו דעם טרינקער זיין וויין און דעם שפינער זיין פלאַקס.

שפינען און וועבען געוואַנט און לייווענט זיינען געווען די ערשטע 2 אינדוסטריען וועלכע האָבען ערצויגען דעם אינדוסטריע־לען קאַפּיטאַליסט.

ווען דער צושטאַנד פון קליין בירגערשאַפט וואָלט אָנגעהאַל־טען וואָלט וועבען און שפינען פערבליבען אַ טהייל פון דעם בויערס הויז אַרבייט ווי אַ מאָל. דער פאַבריק סיסטעם וואָלט זיך ניט גע־קענט ענטוויקלען, און פאָלגליך וואָלטען מיר קיין אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליסט ניט געהאַט, ווייל פאַר די ענטוויקלונג פון פאַבריק סיסטעם פאָדערט גרויסע מאַסען אַרבייטער וועלכע פערמאָגען ניט מעהר ווי זייער אַרבייטס־קראַפט און זיינען געצוואונגען זייער אַר־בייטס-קראַפט צו פערקויפען דעם לעבען צו דערהאַלטען. אָבער אונטער אַ צושטאַנד פון קליין-בירגערשאַפט איז זעלבסט פער־שטענדליך דאָס קיינער וועט ניט זיין אַזוי משוגע צו פערלאָזען אַן איינגענעם ישוב וואו ער איז פאַר זיך בעל הבית. מיט אַלע פריי־

הייטען וועלכע זיינען די פּאָלגען פון בעלי-בתישקייט, און וועט געהן ווערען אַ לוין-שקלאַף.

דאָ איז אָבער געקומען דער לאַנד קאַפּיטאַליסט און האָט מיט אַ מאָל ווי פון הימעל אַרונטערגעוואָרפען הונדערטע טויזענ-דע אַרבייטער. ניט פון הימעל האָט ער זיי אַרונטערגעוואָרפען נור פשוט פון דר׳ערד ווי איך האָב אייך שוין דערצעהלט.

באַרבאַרישע געזעצע געגען די בערויבטע.

וואָס האָבען דיזע אונגליקליכע מענשען געקענט טהון? אָנ-פאַנגס האָבען זיי זיך גענומען בעטלען און צום גנב׳נען. דאָס האָט לאַנג ניט געדויערט. די רעגירונג וועלכע בעשטעהט דאָך פון איי-ביג אָן פון גרויסע גנבים, די האָט ניט געקענט צולאָזען דאָס קליינע גנבים זאָלען מיט זיי קאָנקורירען, און אַזוי געפינען מיר דאָס אין 16-טען יאָהר הונדערט זיינען געמאַכט געוואָרען אַזעלכע באַרבאַרישע געזעטצען געגען די אונגליקליכע, דאָס די האָר שטעלט זיך קאַפּויר לעזענדיג:

אָב שניידען די אויערען, אָנבינדען אָן אַ וואָגען און שלעפּען זיי איבער די גאַסען, שמייסען ביז שטראָמען בלוט פלעגט רינען פון די קערפּערס, אויסברענען שאַנד פלעקען אויף׳ן קערפּער, און פאַר׳ן דריטען מאָל פאַרברעכען צו הייגגען, דאָס זיינען געוועזען די געזעצע וועלכע פרומע קריסטען האָבען געמאַכט געגען זייערע ברידער.

איך מיין דאָס עס איז איבעריג לאַנג צו ברייען, איהר פערשטעהט גאַנץ גוט ווי גרינג עס איז געווען פאַר די נייע געבאָרענע אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטען צו קריגען אַרבייטער.

אַמעריקאַ מיט איהר בוים וואָהל פלאַנטאַציעס, בעאַרבייט פון שקלאַפען וועלכע מען האָט געכאַפּט אין אַפריקאַ, און צו וועלכען צוועק עס האָט עקזיסטירט ספּעציעלע שוהלען וואו מען פלעגט לערנען ווי צו כאַפּען, און די נייע ערפינדערנע וועבען און שפּינען מאַשינען האָבען געמאַכט ענגלאַנד פאַר די גרעסטע פאַברטשינע לאַנד אין דער וועלט. די פאַבריקען זיינען געוואַקסען פון טאָג צו טאָג, און די קאַפּיטאַליסטען האָבען גענומען פיהרען מאַנגעל אין

אַרבייטס-קראַפט. ווי אַזוי זיי האָבען זיך געשאַפט אַרבייטער וועלען מיר הערען וואָס דער ענגלישער היסטאָריקער פילדען דערציילט אונז:

מען איז מקריב יונגע קינדער אויף׳ן מזבח פון קאפיטאל.

„אין דערבישער, נאָטינגהעמשער, און לענקעשיר זיינען די נייע מאַשינען בענוצט געוואָרען אין די פאַבריקען וועלכע מען האָט אויס-געבויט ביי די ברעגעס פון טייכען, כדי זיך צו בענוצען מיט וואַסער קראַפט. טויזענדע אַרבייטער וואַרען פערלאַנגט, הויפּטזעכטליך האָט מען געפאָדערט די דינע פינגערלאַך פון קינדער. מען האָט אָב-געמאַכט מיט די אויפזעהער פון די וואָרקהייזער (הקדשים) פון לאָנ-דאָן און בערמינגהאַם דאָס זיי זאָלען צושיקען די קינדער וועלכע האָבען זיך ערצויגען אין דיזע הקדשים. פיעלע טויזענדע אַזעלכע קינדער פון 7 ביז 13 יאָהר אַלט האָט מען אַריינגעגעבען אין דיזע פאַבריקען. די פאַבריקאַנטען פלעגען שפּייזען די קינדער און זיי האַלטען אין הייזער ספּעציעל אויפגעשטעלט נעבען די פאַבריקען. די פאָרלייטע פלעגען קריגען בעצאָהלט לויט די קוואָנטיטעט אַר-בייט וואָס די קינדער האָבען ארויסגעגעבען. און דאַרום פלעגען זיי בעהאַנדלען די עלענדע היימלאָזע קינדערלאַך מיט אַזעלכע אכזריות דאָס עס רייסט דאָס הארץ צו הערען וועגען דעם. מ'האָט מיט זיי איינפאַך געאַרבייט צום טויט, מען פלעגט זיי פערהונגערען, און צו דער זעלבער צייט שמייסען ביי דער אַרבייט. פיעלע קינדער זיינען בעגאַנגען זעלבסט מאָרד. די שעהנע און ראָמאַנטישע טהאָ-לען פון דערבישיר, נאָטינגהעמשיר און לענקעשיר, זיינען געוואָרען מאָרד פלעטצער. די פּראָפיטען פון די פאַבריקאַנטען וואַרען אונ-געהויער גרויס. און דאָס האָט נאָך זייער אַפּעטיט פערגרעסערט. און אַזוי אַרום איז זיי איינגעפאַלען אַ פּלאַן איינצופיהרען נאַכט אַרבייט. איין פאָלק קינדער האָבען געאַרבייט אַ גאַנצען טאָג, און אַ צווייטער פאָלק אַ גאַנצען נאַכט. די בעטלאַך זיינען קיינמאָל ניט קאַלט געוואָרען. די נאַכט אַרבייטער אַרויס און די טאָג אַרבייטער אַריין אין די זעלבע בעטלאַך.״

דאָ, מיינע פריינדע, האָט איהר דעם יחוס פון אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליסט.

ווי אזוי מען ווערט רייך.

דער אורשפרונג פֿין פֿינאַנציעלען קאַפּיטאַליסט אָדער באַנקי־רער איז געקנעטען פֿון דורכאויס שווינדעל. געוויסע פערזאָנען וועלכע האָבען זיך ערוואָרבען געלד דורך האַנדעל פריווילעגיעס, ווי צום ביישפּיעל די איסט אינדיען קאָמפּאַני, וועלכע האָט געהאַט דעם מאָנאָפּאָל איבער גאַנץ אינדיען, וועלכע פּלעגט פֿאַבריצירען הונגערס, אויפֿקויפֿענדיג די הויפּט לעבענסמיטלען, און אין אַ צייט שפּעטער צוריק פֿערקויפֿען אויף הונגער פּרייזען, (אין 1769 האָט די קאָמפּאַניע אויפֿגעקויפֿט גאָר די רייז אין אינדיען. און האָט עס ניט געוואָלט צוריק פֿערקויפֿען ביז מען האָט איהר געמוזט בע־צאָהלען הונגער פּרייזען.)

ווידער אַזעלכע וועלכע זיינען רייך געוואָרען פֿון די ניי־ענטדעקטע גאָלד און זילבער מינען אין אַמעריקאַ וואו טויזענדע שקלאַפֿען זיינען לעבעדיג בעגראָבען געוואָרען און די וועלכע זיינען רייך געוואָרען פֿון ים רויבעריי און שקלאַפֿען האַנדעל ווי מאנכע ליווערפּילער מאַגנאַטען.

אויך אונזערע פֿריינדע די לאַנד און אינדוסטריעלע קאַפּיטאַ־ליסטען, די אַלע האָבען אויסגעפֿונען אַ נייע קוועלע פֿון וועלכע מיט זעהר שווער פֿערהאָרעוועטע פּראָפֿיטען צו ציהען שפּאָגעל נייע פּראָפֿיטען.

די גרינדונג פֿון דער גרעסטער באנק אין דער וועלט.

זיי האָבען געליהען די רעגיערונג געלד אויף אַכט פּראָצענט. און פֿאַר די טובה האָט די רעגירונג זיי געגעבען די פּריווילעגיע צו גרינדען אַ באַנק. (די באַנק אָף ענגלאַנד) (איינער פֿון פּובליק „נו טאָ וואָס איז?")

(רעדנער:) וואָס איז פֿרעגט איהר? האָט אַ ביסעלע געדולד וועט איהר הערען:

אַז בעריל לייט שמערל'ן הונדערט פֿונט, גיט שמעריל בעריל'ן אַ שטר חוב, דיזע שטיקעל פּאַפּיער האָט קיין ווערטה, זי דינט נור אַלס עדות דאָס שמעריל איז שולדיג בעריל'ן הונדערט פֿונט. שטעלט זיך אָבער פֿאָר דאָס די איינוואָהנער פֿון שטעטיל וואו בעריל מיט

שמערל׳ן וואהנען זיינען גרויסע חמורים און מען קאן זיי איינרעדין וואס מען וויל. שטעלט זיך פאר, דאס שמעריל און בעריל האבען איינגערעדט דעם עולם דאס דער שטר חוב וואס שמעריל האט געגעבען בעריל׳ן איז ניט א פראסטע שטיקעל פאפיער זאנדערען דאס גופא איז געלד. און דער עולם נעמט אן דיזע שטיקעל פאפיער פאר הונדערט פונט, הייסט עס דאך איינפאך דאס בעריל׳ן איז צוגעקומען הונדערט פונט. די הונדערט פונט וואס ער האט געלי־העו שמערלען איז זיינע, ער נעמט דערפאר א גוטען פראצענט, און דער שטר חוב איז ווידער געלט, מיט די געלט קען ער ווידער האנדלען, אדער אנטלייען יעמאנדען און נעהמען ווידער פראצענט.

א משל, וועלכען מען דארף לעזען מיט אויפמערקזאמקייט.

דאס זעלבע, פריינדע, איז פארגעקומען מיט די באנק אף ענגלאנד, און מיט אנדערע ביינק. די באנק איז געגרינדעט גע־ווארען אין 1694. איהר ערשטע הלואה צו די רעגירונג איז געוועו איין מיליאן און צוויי מאהל הונדערט טויזענד פונט אויף אכט פראצענט דאס הייסט דאס יעדען יאהר האט די באנק געקראגען הונדערט טויזענד פונט אלס פראצענט. דערצו פיער טויזענד פונט א יאהר צושטייער אויף הוצאות וואס די באנק מאכט. מילא, דאס אלעס איז א קלייניגקייט. דער שטר חוב וואס די רעגיערונג האט געגעבען די באנק איז אין די פארמע פון שטיקלאך פאפיער וועל־כע מען רופט גאווערנמענט באנדס, אלזא, די רעגיערונג האט די געלד, און די באנק די שטיקלאך פאפיער — די באנדס. קומט אבער צוגעהן די רעגירונג און זאגט אז די שטיקלאך פאפיער גופא איז געלד. און די באנקירער ענטפערען אמן! דאס פאלק גלאצט אויס א פאר תם׳עוואטע אויגען און שאקעלט צו מיט׳ן קאפ. די באנק פערשליסט די באנדס אין אייזערנעם שראנק, זיי זיינען צו הייליג מען זאל זיי לאזען צירקולירען צווישען פאלק, נור אויף זייער ארט גיט די באנק ארויס פונטיגע, פינף פונטיגע, צעהן פונטיגע פאפיערלאך א.ז.וו. דיזע פאפיערלאך ווערען אנגענומען פאר געלד. מען קריגט פאר זיי גוטען שאמפאניער, טהייערע קא־רעטען, פאלאטצען — כל טוב.

נאָכמעהר אָט די זעלבע פֿונטיגע און צעהן פֿונטיגע פּאַפּיר־לאַך לייעט מען ווידער די רעגיערונג און מען קריגט פֿאַר זיי באָנדס, און אויף די באָנדס גיט מען אַרויס נייע פּאַפּירלאַך, פֿאַר וועלכע מען קריגט פֿון אַלעם גוטען וואָס די אַרבייטער בעשאַפֿען. מען קויפֿט אויך גאָלד און זילבער בוליאָן, און אויף די גאָלד און זילבער גיט מען אַרויס נייע פּאַפּירלאַך.

דער נמשל.

מען בענוגענט זיך דערמיט אויך ניט. מען גיט ניט אַרויס די פּאַ־פּיר געלד נור אויף אַזוי פֿיעל וויפיל מען האָט אין אייזערנעם שראַנק באָנדס און גאָלד בוליאָן זאָנדערען פֿיעל מעהר. איהר קענט זיך פֿאָרשטעלען, דאָס אין דעם קריזיס פֿון 1797 האָט די באַנק נור געהאַט איין מיליאָן פֿונט ריין גאָלד און פּאַפּיער געלד האָט זי געהאַט צירקולירען ביז 17 מיליאָן פֿונט.

אַזאַ שווינדעל געביידע קען זיך נור האַלטען אַזוי לאַנג ווי דאָס פֿאָלק האָט צוטרויען צו די באַנק, אַזוי לאַנג ווי יעדערער גלויבט דאָס ווען ער וועט קומען אין באַנק און וועט אַנידערלייגען דעם פּאַפּירענעם פֿונט וועט ער קריגען אַ גאָלדערנעם. אָבער אין אַ צייט פֿון אַ נאַציאָנאַלע צרה ווען יעדער מענש וויל זיך פֿערהי־טען און לויפֿט אין באַנק קריגען גאָלד פֿאַר די פּאַפּיר, דאַן מוז די באַנק ווערען באַנקראָט! און דאָס האָט שוין פּאַסירט אייניגע מאָהל. אין 1696, אין 1745, אין 1793 און אין 1825. אין 1793 ווארען אין ענגלאנד 350 ביינק און 300 זיינען געגאַנגען געבראָכען.

ווערטהע דאַמען און הערען! איך וויל ניט צו פֿיעל פֿערקרי־כען אין די פֿינאַנציעלע פֿראַגע. דאָס וואָס איך האָב אייך דער־צעהלט איז גענוג אייך צו געבען אַ בעגריעף וועגען דעם אורשפּרונג פֿון אונזערע באַנקירען, און זעהר קאַפּיטאַל. איך האָב שטאַרק מורא דאָס איך האָב אייך מיט מיין פֿאָרטראַג אַ ביסעלע אָנגעמאַ־טערט. איך מוז דאַרום ענדיגען.

פאלש פּאַפּיער־געלד.

מיר האָבען אָנגעפֿאַנגען מיט איין אונטערזוכונג וועגען די קוועלע און אורשפּרונג פֿון קאַפּיטאַל, און מיר האָבען אויסגעפֿו־

נען דאָס איהר אורשפּרונג איז שווינדעל, אכזריות, רויב און מאָרד. איהר קוועלע איז אונבעצאָהלטע אַרבייט. (גרויסע אַפּלאָדיסמענטען.)

(איך) נו, מאַקס, ווי געפֿעלט דיר דיזער פֿאָרטראַג?

(ער) אַ שוואַרצענע גבורה! אַ ביסעל אַ פּיסק? אַן אייזערנע קאָפּ אויף די פּלייצעס, פֿאַרחאַפּט זאָל ער ווערען.

(פֿאָרזיצענדער) דאַמען און הערען! מיר האָבען געהאַט דאָס פֿערגעניגען צו הערען אַ זעלטענעם פֿאָרטראַג, פֿון וועלכען מיר האָבען פֿיעל געלערענט און איבער וועלכען אונז בלייבט אין די מוחות פֿיעל נאָכצודיינקען. זעלטען ווען איך האָב געהערט אַ רעדנער וועלכער זאָל אַזוי דייטליך איבער געבען זיין טהעמאַ ווי הערר (?) האָט עס געטאָהן דיזען אַבענד, נור אַזוי ווי די טהעמאַ איז זעהר ברייט און טיעף איז דאַרום מעגליך דאָס מאַנכע פּונקטען פֿאָדערן אַ ווייטערע ערקלעהרונג, דאַרום וועלען מיר יעצט איבערגעהן צו פֿראַגען און דער רעדנער וועט זיי בעאַנטוואָרטען איידער מיר געהען איבער צום דיסקוסיאָן. ווער עס האָט אַ פֿראַגע זאָל נעהמען דאָס וואָרט.

(הערר ג.) הערר פֿאָרזיצענדער! איך בעט דעם רעדנער דאָס ער זאָל געפֿעליגסט דייטליכער ערקלעהרען וואָס ער מיינט מיט דעם אונטערשיעד פֿון פּראָדוקציאָנס מיטלען און קאַפּיטאַל?

(רעדנער) איך האָב ווירקליך געמיינט דאָס דיזען פּונקט האָב איך גענוג דייטליך ערקלעהרט, ווי איך זעה אָבער איז עס ניט אַזוי. אַלזאָ, ווידער אַמאָל דאָס זעלבע: פּראָדוקציאָנס מיטלען ווערען קאַפּיטאַל נור אונטער געוויסע אומשטענדען. נעהמט, למשל, אַ נעה מאַשין. ווען איהר האָט געקויפֿט פֿאַר אייער פֿרוי אַ נעה מאַשין מיט וועלכע זי נעהט אויף קליידלאַך און פֿאַרטוכלאַך פֿאַר אייערע קינדערלאַך, איז דיזע מאַשין אַ פּראָדוקציאָנס מיטעל, זי ברייננגט אייך נוטצען און נימאַנדען טוהט זי שלעכטס, זי שפּילט אַ גאַנץ אונשולדיגע ראָלע. ווען איהר נעהמט אָבער דיזע מאַשין אַרויס פֿון הויז און איהר שטעלט איהר אַריין ביי אייך אין קליידער-פֿאַבריק— אויב איהר זייט אַ קליידער פֿאַבריקאַנט — און ביי

דיזע מאַשין זעצט איהר אַוועק אַ מאַשינער פֿון וועמענס אַרבייט איהר ציהט אַ פּראָפֿיט, און ציהען ציהט איהר פֿון איהם אַ פּראָ־פֿיט ניט דערפֿאַר ווייל איהר זייט אַן אַכזר, אַ בלוטצאַפּער, און ער—אַ לעמעשקע וועלכער בעט זיך ביי אייך איהר זאָלט פֿון איהם ציהען אַ פּראָפֿיט, נור ווי דען? דערפֿאַר ווייל איהר לעבטביידע אונטער אַ סיסטעם וועלכע צווינגט אייך פֿון איהם דאָס בלוט צו צאַפּען כדי צו קענען עקסיסטירען, און איהם צווינגט עס זיך צו לאָזען צאַפּען אויך כדי צו קענען עקסיסטירען. און ווען מיר נעהמען אין אַנבעטראַכט, דאָס די אורזאַכע פֿון דעם אַרבייטערס געצוואונ־גענהייט אייך צו געבען פּראָפֿיט איז דאָס וואָס איהם פֿעהלט די מ אַ ש י ן, און די אורזאַכע וואָס גיט אייך די מעגליכקייט צו מאַ־כען פּראָפֿיט איז דאָס וואָס איהר האָט די מאַשין, טאָ ווי קען נאָך ביי אייך איבערבלייבען דער מינדעסטער צווייפֿעל דאָס די מאַשין אין הויז און די מאַשין אין פֿאַבריק שפּילען גאַנץ פֿערשי־דענע ראָלען? אין הויז איז זי אַ פּראָדוקציאָנס מיטעל, און אין פֿאַבריק איז זי קאַפּיטאַל. (אַפּלאָדיסמענטען)

(הערר אַ) הערר פּרעזידענט! דער רעדנער רעדענדיג וועגען דעם אורשפּרונג פֿון פֿינאַנץ קאַפּיטאַליסט האָט זיך אויסגעדריקט דאָס פֿיעלע זיינען רייך געוואָרען פֿון ים רויבעריי און שקלאַפֿען־האַנדעל. פֿרעג איך דעם רעדנער, אויב דאָס איז טאַקע אַ טהאַט־זאַכע אָדער אַן אַגיטאַטאָרישער אויסדרוק?

(רעדנער) ניין, מיין פֿריינד, קיין אַגיטאַטאָרישער אויסדרוק ווי איהר רופֿט דאָס, זאָנדערן אַ היסטאָרישער פֿאַקט. איהר דאַרפֿט נור לעזען די 2 ענגלישע היסטאָריקער פֿרויד און מאַקוליי, דעם ערשטען וועגען די מלחמות פֿון ענגלאַנד מיט שפּאַניען איבער די וועסט אינדישע קאָלאָניעס, און דעם לעצטען וועגען די עראָבערונג פֿון אינדיען. די צייט ערלויבט מיר ניט צו שילדערען גענוי ווי עס איז צו געגאַנגען. איך וועל אייך נור געבען אַ קורצען איבערבליק איבער יענע צייט און אייניגע ביישפּיעלע:

א) פֿון דער צייט אָן ווען אַמעריקאַ איז ענדעקט געוואָרען האָט שפּאַניען געהאַלטען אין איין שלעפּען זילבער, גאָלד און אַדעל־

שטיינער פון מעקסיקאָ, פערו און די וועסט אינדישע קאָלאָניעס איהר איינציגע בעשעפטיגונג איז געווען נור אָנצולאָדען שיפען מיט די גערויבטע רייכטהימער און ברייגגען זיי נאָך שפאַניען. זי איז דאַדורך געוואָרען די מעכטיגסטע לאַנד אין אייראָפּא. ענגלאַנד, וועלכע האָט געגוג אורזאַכען געהאַט פאַר שפאַניען זיך צו שרעקען האָט געלערענט דעם מאמר חז"ל „הגונב מן הגנב פטור" און דאַרום האָט זי הינטען אַרום אונטערגעהאַלפען אַזעלכע מאַטראָזען ווי דרייק און האָקינגס דאָס זיי זאָלען בעפאַלען די שפאַנישע שיפען און ברייגגען די אוצרות אין ענגלאַנד. איך האָב דאָ גראַדע ביי דער האַנד אַ בוך, געשריבען ביי ברוקס אַדאַמס איבער דאָס געזעץ פון ציוויליזאַציאָן און אונטערגאַנג. הערט וואָס ער זאָגט:

„פונקט ווי די ווענעציאַנער אַזוי האָבען די ענגלענדער געבויט דעם פונדאַמענט פון רייכטהום פון ים רויבעריי און שקלאַפעריי, די שיף קאַצאַפאַגאַ וועלכע דרייק האָט געכאַפט פון די שפאַניער איז געווען פול מיט גאָלד, זילבער און דימאַנטען. אחוץ די פערמעגענס פון פריוואַט פערזאָנען וועלכע די שיף האָט געפיהרט האָט די שפאַנישע רעגירונג אַליין דאָרט געהאַט אַ מיליאָן און אַ האַלב דוקאַטען. אונגעפעהר צוואַנציג יאָהר נאָכאַנאַנד, האָבען די ענגלענדער געהאַלטען אין רויבען די שפאַנישע שיפען אויפן ים און די שפאַנישע קאָלאָניעס אין אַמעריקאַ. עס איז ניט אָבצושאַטצען ווי אונגעהויער גרויס די גערויבטע רייכטהום איז געווען ווייל עס פלעגט ניט ווערען פובליצירט, נור פון צייט צו צייט פלעגט מען געוואָהר ווערען. איין מאָהל איז דרייק בעפאַלען דריי קאַראַוואַנעס מיט 190 אייזלען, יעדער אייזעל האָט געטראָגען דריי הונדערט פונט זילבער. די קעניגין עליזאַבעט און די הויכע בעאַמטע פלעגען אויך אָפּלעקין אַ ביינדיל. דעם דימענטענעם קרייץ און די קרוין וואָס דרייק האָט געגעבען די קעניגין עליזעבעט, און די זילבערנע און גאָלדענע געשיר וואָס דער קאָנצעלאַר האָט פון איהם בעקומען, דאָס אַלעס האָט ער זיי געגעבען בפרסיה אָבער דאָס וואָס ער האָט זיי געגעבען בשתיקה דאָס האָט נור ער אַליין געוואוסט.

ב) אַזוי ווי דרייק וואַר דער פאָרנעמסטער ים רויבער, אַזוי

וואהר דזשאָהן האָקינגס דער פֿאָרנעמסטער ענגלישער שקלאַפֿען הענדלער. נאָך אַלס יונגערמאַן איז איהם שוין איינגעפֿאַלען דער געדאַנק דאָס צו כאַפּען ניגערס אין אַפֿריקא און פֿערקויפֿען זיי אין די שפּאַניש־אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס פֿאַר שקלאַפֿען איז אַ גוט געשעפֿט, און ער האָט זיך גענומען געשמאַק צו דער אַרבייט. אין 1526 איז ער אַרויסגעפֿאָהרען פֿון ענגלאַנד מיט 3 שיפֿען, און האָט זיך אָבגעשטעלט אין סיערא לעאָן. דאָרט האָט ער געפֿאַנגען זיין סחורה וועלכע ער האָט פֿערקויפֿט אין היספּאַניאָלאַ אויף אַ גוטען מקח. דאַמאָלס וואַר דער פּרייז פֿון אַ שקלאַף אונגעפֿעהר 160 פֿונט.

אָנפֿאַנגס האָבען די שפּאַניער ניט געוואָלט צולאָזען פֿרעמדע זיך צו בעשעפֿטיגען מיט שקלאַפֿען האַנדעל, עס האָט זיך זיי גע־וואָלט האָבען אַ מאָנאָפּאָל איבער דיזען געשעפֿט נור די ענגלענדער האָבען ביד חזקה זיך געשטעלט פֿאַר זייער רעכט, און האָבען דעם געשעפֿט פֿערגרעסערט, דאָס ביינאַהע הונדערט טויזענד שקלאַפֿען יעהרליך, פֿלעגט ענגלענד איבערפֿיהרען פֿון אַפֿריקאַ נאָך אַמעריקאַ, און לויט ווי אַ גייסטליכער פֿון יענער צייט שרייבט זיינען דיזע הענדלער געווען פֿרומע קריסטען.

די גאָלד און זילבער וועלכעס די ים רויבער און שקלאַפֿען הענדלער האָבען געבראַכט אין ענגלאַנד האָט בעשאַפֿען אַ מעכ־טיגע קלאַסע פֿון סוחרים. די זילבער ספּעציעל האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט אָנצופֿאַנגען צו האַנדלען מיט די אָריענטאַלישע לענדער, און אַזוי אַרום האָבען זיי געוואָרפֿען אַן אויג אויף אינ־דיען, און אין 1600 האָט זיך געגרינדעט די אָסט אינדיען קאָמ־פּאַני. וואָס מיט איהר גרינדונג פֿאַנגט זיך אָן אַ נייער קאַפּיטעל פֿון מאָרד און רויב אין אינדיען.

אינדיען איז געווען פֿון דור דורות אַ לאַנד וועלכעס האָט פֿערשלונגען די גאָלד און זילבער פֿון אַנדערע לענדער, וועלכע האָבען ביי איהר געקויפֿט לוקסוס זאַכען. און אַזוי ווי דאָס פֿאָלק פֿון אינדיען וואַר פֿון אייביג אָן שפּאַרזאַם, קען מען זיך פֿאָרשטע־לען וואָס פֿאַר אַ אוצרות דאָרט האָט זיך אָנגעקליבען אין פֿערלויף פֿון פֿיעלע יאָהר הונדערטע. אויף דיזע אוצרות איז ענגלאַנד אָנ־

געפאַלען, און געשלעפּט נאָך לאָנדאָן. אַ ציטאַט פון דעם ענגלי־שען היסטאָריקער מאַקולי (Macaulay) וועט אונז געבען אַ שטי־קעל בילד פון אַן ענגלישען גענעראַל אין אַן אינדיאַנער בית האוצר:

ג) דער שאַטץ קאַמער פון בענגאַל וואר אָפען פאַר קליוון (Clive). גאַנצע בערג פון גאָלד זילבער און אַדעל שטיינער וואַרען אָנגעלייגט אַרום איהם און ער האָט געהאַט די פרייהייט צו נעהמען וויפיעל זיין הארץ האָט געגלוסט.

אינדיען אָבוואָהל זעהר רייך, וואַר אָבער זעהר שוואַך מילי־טעריש. איהר קענט זיך משער זיין דאָס קליוו מיט אַן ארמיי פון דריי טויזענד, האָט מנצח געווען דעם סולטאַן פון בענגאַל מיט אַן אַרמיי פון זעכציג טויזענד.

מאַקולי ערקלעהרט ווייטער, דאָס גאַנץ בענגאַל איז געלע־גען הילפלאָז אין די הענד פון אַ באַנדע ענגלישע בעאַמטע וועלכע האָבען בערויבט די גאַנצע בעפעלקערונג פון 30 מיליאָן נפשות. איבערלאָזענדיג זיי אויסצוגעהן פון הונגער, און אַליין האָבען זיי זיך אומגעקעהרט נאָך ענגלאַנד מיט זייער רויב.

דער זעלבער היסטאָריקער (וועלכער האָט פערטרעטען אַ הויכע שטעלע אין אינדיען) זאָגט, דאָס די אַרט און וויזע ווי ענג־לאַנד האָט בערויבט אינדיען שטייגט איבער די רעמער, וועלכע זיינען געווען ספּעציאַליסטען און בערויבען בעזיגטע פעלקער, און עס שטייגט איבער די שפּאַנישע רויבעריי אין מעקסיקא און פּערו.

ווערטהער הערר פּאָרזיצענדער און פריינדע, איך וויל אייך מאַכען אויפמערקזאַם דאָס דיעזע רויבעריי געהט נאָך אָן עד היום, און ווי מיין גענאָססע היינדמאַן בעווייזט, שלעפט ענגלאַנד אויך יעצט אַרוים 30 מיליאָן פונט יעדען יאָהר פון אינדיען, אַ לאַנד וואו הונדערטע טויזענדע שטאַרבען אויס יעהרליך פון הונגער.

איך האָב דאָ איבערגעגעבען אַ הונדערטע טהייל בלויז וואָס דיעזער בוך ענטהאַלט וועגען דיעזען ענין. איך האָף אָבער עס וועט גענוג זיין צו איבערצייגען דעם פראַגע שטעלער דאָס איך האָב זיך ניט נור בענוצט מיט אַנטיפּאַטרישע אויסדריקע, זאָנדערן מיט היסטאָרישע פאַקטען, און צו דער זעלבער צייט וועט עס אייך

דאַממען און העררן געבען אַ גענויערען אויסקונפט איבער קאַפּי־טאַלס יחוס. (אַפּלאָדיסמענטען)

(הערר, ל.) הערר פאָרזיצענדער ! איך וויל פרעגען דעם רעדנער, אויב נור די ענגלישע באַנק גיט אַרויס געלד אויף די פערזיכערונג פון רעגירונגס וועקסלען, אָדער אויב אויך אַנדערע ביינק אין אַנדערע לענ־דער טהון דאָס זעלבע ? צווייטענס, וויל איך דער רעדנער זאָל דייטלי־כער ערקלעהרען, וואָס ער האָט געמיינט מיט דעם וואָס ער האָט גע־זאָגט דאָס די ביינק האָבען אַרויסבגעגעבען פאַפּיער געלד וועלכע וואַר ניט פערזיכערט מיט גאָלד, זילבער, אָדער רעגירונגס וועקסלען. דריי־טענס, פערשטעה איך ניט, וואַרום די רעגירונג האָט אַליין ניט אַרויס געגעבען פאַפּיער געלד, בעגרינדעט אויף איהר אייגענעם קרעדיט, אָנשטאָט אַוועק צו געבען פּריוואַט פּערזאָנען אַ זיסען ביסען.

(רעדנער) די נאַציאָנאַלע ביינק פון די פעראייניגטע שטאַטען, ד"ה די ביינק וועלכע האָבען דאָס רעכט אַרויסצוגעבען פאַפּיער געלד, די געבען זייערע פאַפּיער געלד אַרויס אויך אויף די פערזי־כערונג פון רעגירונגס וועקסלען (גאָווערנמענט באָנדס). בעת די בירגער קריעג האָט די רעגירונג אַרויסגעלאָזען וועקסלען, און די וועלכע האָבען דיעזע וועקסלען געקויפט האָבען אין 1863 בעקו־מען די פּריווילעגיעס אַרויסצוגעבען פאַפּיער געלד. פאַר יעדע הונדערט טהאָלער וועקסלען מעגען זיי אַרויסגעבען 90 טהאָלער פאַפּיער געלד. אין דער זעלבער צייט צאָהלט זיי די רעגירונג פּראָצענט פאַר די וועקסלען. פּונקט דאָס זעלבע ווי מיט די באַנק אָף ענגלאַנד. פאַר די אָריגינעלע סומע געלד וואָס די לייטע האָ־בען די רעגירונג געליהען אויף איהרע וועקסלען דערפאַר נעהמען זיי פּראָצענט און די פאַפּיער געלד וואָס זיי געבען אַרויס אויף די וועקסלען, דאָס איז איינפאַך געפונענע געלד, ניט געאַקערט ניט געזייט, נור איינפאַך אַ געווינס !

אין דייטשלאַנד איז ערלויבט די ביינק אַרויסצוגעבען פאַפּיער געלד ניט פערזיכערט מיט גאָלד אויף אַ סומע פון 385 מיליאָן מאַרק. און ווען זיי געבען אַרויס נאָכמעהר ווי דיעזע סומע דאַן דאַרפען זיי צאָהלען די רעגירונג אַ שטייער פון 5 פּראָצענט פאַר דיעזע פאַפּיער געלד.

דער פראַגע שטעלער בעט אַ גענויערע ערקלעהרונג איבער דעם וואָס איך האָב געזאָגט דאָס די ביינק האָבען אַרויסגעגעבען פּאַפּיער געלד, פאַר וועלכע זיי האָבען ניט געהאַט קיין גאָלד, זילבער אָדער אַנדערע משכנות. די זאַך איז גאַנץ איינפאַך. אין ענגלאַנד איידער דער באַנק געזעץ איז דורכגעפיהרט געוואָרען אין 1844, זיינען געוועזען עטליכע הונדערט ביינק, וועלכע האָבען אַרויס-געלאָזען פּאַפּיער געלד. דער פּאַפּיערענער פונט, אָבוואָהל ער האָט צוגעזאָגט דאָס די באַנק וועט פאַר איהם צאָהלען גאָלד ווען מען וועט פאָדערען, דאָך ווען עס האָט פּאַסירט אין געוויסע צייטען אַז מען האָט טאַקע געוואָלט פאָדערען גאָלד פאַר די פּאַפּיר, איז גע-וואָרען אַ מגפה אויף אַלע ביינק. איהר קענט זיך פאָרשטעלען דאָס פון 350 ביינק זיינען 300 געוואָרען באַנקראָט. דער געזעטץ פון 1844 האָט בעשריינקט די סומע פון פּאַפּיער געלד פאַר פּריוואַט ביינק. אין די פעראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקאַ בעפאָר די ביר-גער קריעג, איידער די נאַציאָנאַלע ביינק זיינען געגרינדעט געוואָ-רען, פלעגען די רעגירונגען פון יעדען שטאַאט ערלויבען ביינק אַרויסצולאָזען פּאַפּיער געלד גאָר אונבעגרעניצט. און מיט דיעזע ווערטהלאָזע פּאַפּירלעך האָבען זיי געקויפט מיליאָנען אַקער לאַנד, גוטע פרוכטבאַרע לאַנד, פאַר דיעזע פּאַפּירלעך האָבען זיי גע-לעבט אין דעם ווילדעסטען לוקסוס און מיט אַזאַ פערשווענדעריי, דאָס אַ געוויסער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסט דערצעהלט דאָס אויף אַ באַנקעט אין פילאַדעלפיאַ איז אויסגעגעבען געוואָרען 800 פונט אויף בלויז נאַשעריי, ווי טאָרט, ציקערלעך, א.ד.ג. אַם ענדע נאַ-טירליך איז געקומען אַ גרויסער קראַך, וואָס האָט פעראונגליקט דאָס גאַנצע לאַנד. די בירגער האָבען זיך געהאַלטען מיט שטיק-לעך פּאַפּיער, און די באַנקירער מיט זייער אייגענטהום.

(איינער פון פּובליק) וואַרום האָבען די רעגירונגען פון די שטאַאַטען ערלויבט אַזאַ שווינדעל?

(דער רעדנער) זעהר אַ נאַאיווע פראַגע, וואַרום לאָזט מען אָב-יעסשטשיק אַריבער דעם גרענעץ? וואַרום בעפרייט נאַטשאַלסטוואָ אַ רייכען מאַנ׳ס אַ זון פון זעלנעריי? וואַרום ערלויבט ניואָרקער

פּאָליציי פּראָסטיטוציאָנס הייזער צו עקזיסטירען? אויף דיזע „וואַ־רומס" איז דאָ נור איין „דאַרום" און פֿאַר דיזען „דאַרום" האָבען די רעגירונגען ערלויבט דיזען שווינדעל. און ווער קען זאָגען מיט זיכערהייט דאָס די זעלבע באַנקירער וואַרען ניט אויך די רעגירער?

אַ געוויען בעגריף וועגען די צרות וואָס דיזע פּאַפּיער געלד האָט אין אַמעריקאַ אָנגעמאַכט גיט אונז וועבסטער, הערט וואָס ער זאָגט:

„מיר האָבען מעהר געליטען פֿון דיזע אורזאַכע (פּאַפּיער־געלד) אַלס פֿון אַלע אַנדערע אורזאַכען און אונגליקען. עס האָט גע'הרג'ט מעהר מענשען, האָט געשעדיגט די בעסטע אינטערעסען פֿון אונזער לאַנד און האָט פֿעראורזאַכט מעהר אונגערעכטיגקייט אַלס די וואָפֿען, פֿון אונזערע שונאים". זאָגאַר יעצט, וועהרענד דער דורכשניטליכער מענש גלויבט דאָס פֿיר יעדען פּאַפּירענעם פֿונט אָדער טהאָלער וואָס ער האָט קען ער קריגען גאָלד, האָבען די ביינק כמעט גאָר קיין גאָלד! דיזען פֿאַקט קענט איהר גע־פֿונען אין פּראָפֿעסאָר דזשוואָס בוך (Money) אין 24־טען קאַפּיטעל (איינער פֿון פּובליק האָט זיך אָבגערופֿען) „אויב זיי האָבען ניט קיין גאָלד האָבען זיי דאָך אַנדערע ווערטהפֿאָלע משכנות, ווי גיטער, רעגירונגס וועקסלען, אַקציעס, און דאָס גלייכען".

(רעדנער) דאָס די ביינק וועגען וועלכע איך האָב דאָ גערעדט האָבען דיזע ווערטהפֿאָלע משכנות ניט געהאַט, בעווייזט דאָך דער פֿאַקט דאָס זיי זיינען געגאַנגען באַנקראָט. און ווען איך זאָל שוין אָננעהמען דאָס די ביינק יעצט האָבען ווערטהפֿאָלע משכנות פֿאַר זייערע פּאַפּיער געלד, קומען מיר דאָך ווידער צו דעם פּונקט וועלכען איך בעמיהע זיך זאָ לאַנג אייך קלאָהר צו מאַכען, נעמ־ליך: דאָס די פּאַפּיער געלד וואָס אַ באַנק גיט אַרויס איז איינ־פֿאַך אַ געווינס, ווייל אַזעלכע משכנות ווי גיטער, אַקציעס, און רעגירונגס וועקסלען זיינען דאָך איינטרעגליך אַן און פֿאַר זיך — ווי דער דייטש זאָגט — היינט פֿאַרוואָס קומט דאָס דיזע וועלט איינשלינגער דאָס מען זאָל זיי ערלויבען צו נעהמען פּראָסטע שטיקלעך פּאַפּיער און ווי דורך אַ כישוף פֿערוואַנדלען דאָס אין געלד?

(אַ צווייטער פֿון פובליק) „אים גאַטעס ווילען, דיזע פּאַפּיער געלד וואָס די ביינק געבען אַרויס קען דאָך ניט גערעכענט ווערען אַלס זייער אייגענטהום, ווייל ווען מען זאָל זיי צוריק בריינגען אין באַנק, מוז דאָך די באַנק אומקעהרען די ווערדע פֿון די פּאַפּיער ענטוועדער אין גאָלד אָדער אין אַנדערע ווערטהפֿאָלע זאַכען".

(דער פּאָרזיצענדער) ווערטהע הערען, איך מוז אייך בעטען צו האַלטען אָרדנונג און ניט אונטערברעכען דעם רעדנער.

(דער רעדנער) אַבוואָהל עס איז געגען די אָרדנונג צו אַנטוואָרטען אויך אונטערברעכונגען, דאָך וועל איך די אָרדנונג פֿאַרבייגען אויף אַ ווײלע און וועל דיזען הערען אַנטוואָרטען ווייל זיין בעמערקונג איז העכסט וויכטיג.

ער זאָגט דאָס די פּאַפּיער געלד וואָס די ביינק גיבען אַרויס קען מען ניט רעכענען אַלס זייער אייגענטהום, ווייל ווען דאָס פֿאָלק וועט זיי צוריק בריינגען אין די ביינק, וועלען די לעצטע מוזען אומקערען דעם ווערטה פֿון די פּאַפּיער געלט. איך מוז דעם הערען אויפֿמערקזאַם סאַכען אויף דעם ווען. עס איז אמת, דאָס ווען דאָס פֿאָלק זאָל מיט אמאָל פֿאָדערען פֿון די ביינק זיי זאָלען איינקאַסירען די פּאַפּיער געלט, דאַן וואָלט פֿיר די ביינק געווען אַ צרה. דער תירוץ איז אָבער אַזוי אַן אָנפֿאַל אויף די ביינק טרעפֿט זעהר זעלטען, און יעצט האָט עס אין גאַנצען אויפֿגעהערט צו פּאַסירען, ווייל ערשטענס, איז דער קרעדיט פֿון די ביינק זעהר פֿעסט. איהר קענט זיך פֿאָרשטעלען, דאָס זינט דעם יאָהר 1844 איז נאָך קיין איינציגע פּאַפּירענער פֿונט ניט אָנגעקומען אין די ביינק אָף ענגלאַנד צו ווערען איינקאַסירט אין גאָלד. צווייטענס, זיינען מענשען אַזוי צוגעוואָוינט מיט פּאַפּיער געלד דאָס עס פֿאַלט גאָר קיינעם ניט איין דער געדאַנק, דאָס דער פּאַפּירענער פֿונט אָדער טהאָלער וואָס ער האָט אין טאַש, איז נאָך אַלעמען ניט מעהר ווי אַ שטיקעל פּאַפּיער. יעדער ווינשט זיך צו האָבען אַ מיליאָן אַזעלכע. וואָס דאַרפֿט איהר מעהר? אָט נעהמט אַלס ביישפּיעל די פּאַפּיער געלד וואָס די אַמעריקאַנער רעגירונג גופא גיט אַרויס, וועלכעס איז בעקאַנט מיט דעם נאָמען „גרינבעקס", דיזע גרינבעקס זיינען לחלוטין

נים קאַססירבאַר, ד'ה די רעגירונג נעמט זיך גאָר ניט אונטער זיי אויסצוליייזען מיט גאָלד אָדער אַנדערע ווערטהפאָלע זאַכען, דאָך צירקולירען זיי אַזוי גוט ווי די פּאַפּיר געלט פון די נאַציאָנאַל באַנק וואָס זאָגען יאַ צו אויסצובייטען זייערע פּאַפּירלאַך אין גאָלד. און עס פעלט גאָר קיינעם ניט איין דער געדאַנק דאָס דער גרינבעק וואָס ער האָט אין טאַש איז אַ ווערטהלאָזעס שטיקעל פּאַפּיער. זיין באָבע'ס דאגה, וואָס דאָס איז אַזעלכעס, אבי מען רופט דאָס געלד, אַבי ער וויים דאָס צו יעדער צייט קען ער דערמיט קויפען וואָס זיין האַרץ געלוסט.

איהר זעהט אלזאָ, מיין ליבער הערר, דאָס די באַנקירער מעגען רוהיג שלאָפען, זיי מעגען אָן זאָרג לעבען אַ גוטען טאָג מיט זייערע פּאַפּירלאַך. זיי האָבען ווייניג וואָס מורא צו האָבען פאַר אַן איבערפאַל פון פאָלק.

וואָס אָנבעלאַנגט דעם דריטען פונקט פון ל.ס. פראַגע, וואָרום די רעגירונג ערלויבט אין גאַנצען פּריוואַט ביינק געלט אַרויס צוגעבען קען איך נאָר זאָגען דאָס עס זיינען פאַרהאַנדען אין די וועלט פיעלע רעכט־דיינקענדע מענשען וועלכע שטעלען דיזע פראַגע, און מיר סאָציאַליסטען האָבען טאַקי אין אונזער פּראָגראַם אַ פונקט, וועלכער לויטעט דאָס נאָר די רעגירונג אַליין זאָל האָבען דאָס רעכט אַרויסצולאָזען געלט.

(פאָרזיצענדער) ווערטהע דאַמען און הערען, אַזוי ווי עס איז שוין שפּעט טוהט עס מיר זעהר לייד דאָס די אַנדערע פראַגען וועלען מוזען בלייבען אונבעאַנטוואָרט. עס פרייט מיר צו דער זעלבער צייט אייך מיט צוטהיילען דאָס אונזער פריינד דער לעקטשורער וועט נאָך אייניגע לעקטשורס האַלטען אין דיזען האָל איבער סאָציאַליזמוס, און אויך אַנדערע בעוואוסטע רעדנער זיינען אַראַנזשירט. פון די טיעפע אינטערעסע וועלכעס דער פּובליקום האָט גענומען אין היינטיגען לעקטשור איז צו האָפען דאָס אונזער האָל וועט אימער זיין גוט בעזוכט, און דאָס די אלטוועלטיכע פראַגע פון סאָציאַליזמוס וועט קלאָרער און דייטליך ערקלערט ווערען. די פערזאַמלונג איז געשלאָסען.

ספעשעל ביליגע פרייזעס פיר יוניאָנס און סאָסייטיס.

נאראדיצקיס דרוקעריי

איז די ביליגסטע און שעהנסטע

אין לאָנדאָן, עס ווערט דאָרט געמאַכט

אין אידיש.
ענגליש
העברעאיש
ביכער און
בילס פּאָסטערס
סירקולארס
קארדס
אינוויטאציאָנס
מעמאָראנדומס

געדיינקט דעם אַדרעס:

48 מייל ענד רויד. 48 מייל ענד רויד.

ספעשעל ביליגע פרייזעס פיר יוניאָנס און סאָסייטיס.

המעורר (שנה שניה)

קונטרס למחשבה ולפיוט,

נערך וי"ל בכל חודש ע"י י. ח. ברנר.

תוכן חחוברת הראשונה: א) באותם הימים השחורים — א. ביילין, ב) מענדעלי (ליובל השבעים שלו) — ח. ב. צלאל. ג) צערו של עולם — בר טוביה, ד) בליל-חשק (שיר) — ז שניאור. ה) רשימות — ג. שופמן, ו) מרגע (שיר) — יעקב כהן, ז) מעבר לגבולין. מערכה ראשונה — י. ח. ברנר. ח) עכו"ם, האדם בתור אלהות. א. — ר. בנימין, ט) עוד קצת על אחד העם — פ. לחובר. י) שונות.

תוכן החוברת השניה: א) המשורר — מ. י. ב. ב) במצר האדם — הנ"ל. ג) נבלע בגלי השיש... (שיר) — יעקב פיכמאן. ד) עכו"ם, האדם בתור אלהות, ב. — ר. בנימין, ה) מפרקו של אחד השרידים — מ. ווילקנסקי, ו) מחשבות — בר-טוביה. ז) על הדם (שיר) — ס. פינסקי. ח) מעבר לגבולין מערכה שניה — י. ח. ברנר, ט) הערה — בר-יוחאי. י) מודעות ספרותיות.

מחיר המעורר: לשנה 6 שילינגים; לחצי שנה—3.

האדריסה:

J. Ch. Brenner, 48, Mile End Road, London, E.